ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# מעשרות

בלשון הקודש ואידיש

245

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת תרומות

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז״ל בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע״ב, למען יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך זה.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

**כתב** הרמב"ם וסידר אחר שביעית מסכת תרומה גדולה מפני שהתרומה היא מתנת ראשונה שמוציאין מן הזרע:

**פרק א חמשה** לא יתרומו. ואם תרמו אין תרומתן תרומה. החרש והשוטה וקטן. והתורם את שאינו שלו. נכרי שתרם את של ישראל אפי' ברשות אין תרומתו תרומה: **ב** חרש המדבר ואינו שומע לא יתרום. ואם תרם תרומתו תרומה. **חרש** שדברו בו חכמים בכל מקום. **שאינו** לא שומע ולא מדבר: **ג** קטן שלא הביא שתי שערות ר"י אומר תרומתו תרומה. ר' יוסי אומר אם עד שלא בא לעונת נדרים אין תרומתו תרומה.

משבא

**פרק א חמשה לא יתרומו**. מנינא למעוטי הא דא"ר יהודה לקמן קטן שלא הביא שתי שערות תרומתו תרומה קמ"ל דאין תרומתו תרומה: **החרש והשוטה והקטן** כו'. כולהו מחד קרא נפקא לן דכתיב (במדבר כח) דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו אל בני ישראל פרט לנכרי מאת כל איש פרט לקטן אשר ידבנו לבו פרט לחרש ושוטה שאין בהם דעת להיות נודבין וקטן לא מצי ממעיט מאשר ידבנו לבו דאיכא קטן שהגיע לעונת נדרים שיש לו דעת להיות נודב. ואת התרומה אשר תקחו מאתם פרט לתורם שאינו שלו. ושוטה המאבד מה שנותנים לו קרוי שוטה: **אפילו ברשות**. של ישראל שעשאו ישראל שלוחו לתרום אין תרומתו תרומה דכתיב (במדבר יח) כן תרימו גם אתם גם לרבות שלוחכם מה אתם בני ברית אף שלוחכם בני ברית: **ב לא יתרום**. לכתחלה דצריך להשמיע לאזניו כשיברך: **חרש שדברו בו חכמים בכל מקום** וכו'. לאו כללא הוא דברים חגיגה תני חרש ומדבר ואינו שומע בכלל ובפ' מצות חליצה לענין חליצה: **שאינו שומע ואינו מדבר** שנולד חרש ממעי אמו וכיון שלא שמע מעולם מה שמדברים לו א"א לו שידבר: **ג רבי יהודה אומר תרומתו תרומה**. בדיעבד דלית ליה לרבי יהודה הך דרשא מאת כל איש פרט לקטן: **עד שלא בא לעונת נדרים**. הזכר בן י"ב שנים ויום אחד והנקבה בת י"א שנים ויום אחד

---

**פרק א** (חֲמִשָּׁה לֹא יִתְרוֹמוּ) פִינְף מֶענְטְשְׁן טָארְן נִיט אָפּ שֵׁיידְן קֵיין תְּרוּמָה (וְאִם תָּרְמוּ אֵין תְּרוּמָתָן תְּרוּמָה) אוּנ אַז זֵיי הָאבְּן אָפּ גְשֵׁייט אִיז זֵייעֶר תְּרוּמָה נִיט קֵיין תְּרוּמָה (הַחֵרֵשׁ) **אֵיין** טוֹיבְּשְׁטוּמֶר (וְהַשּׁוֹטֶה) אֵיין צוּ מִישְׁטֶר מֶענְטְשׁ (וְהַקָּטָן) אוּנ אֵיין קְלֵיין קִינְד (וְהַתּוֹרֵם אֶת שֶׁאֵינוֹ שֶׁלוֹ) אוּנ דֶר וָוס שֵׁייט אָפּ תְּרוּמָה פוּן פְרֶעמְדֵי תְּבוּאָה (נָכְרִי שֶׁתָּרַם אֶת שֶׁל יִשְׂרָאֵל) אוּנ אַז אֵיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים הָט אָפּ גְשֵׁייט תְּרוּמָה פוּן אֵיין יִשְׂרָאֵלְס תְּבוּאָה (אֲפִילוּ בִּרְשׁוּת אֵין תְּרוּמָתוֹ תְּרוּמָה) אֲפִילוּ דֶר יִשְׂרָאֵל הָט אִים גְמַאכְט פַאר אֵיין שָׁלִיחַ עֶר זָאל אָפּ שֵׁיידְן דִיא תְּרוּמָה. אִיז דָס נִיט קֵיין תְּרוּמָה: **ב** (חֵרֵשׁ הַמְּדַבֵּר וְאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ לֹא יִתְרוֹם) אֵיין טוֹיבֶּר וָוס רֶעט אוּנ הֶערְט נִיט טָאר גִיט אָפּ שֵׁיידְן קֵיין תְּרוּמָה. וָוארוּם עֶר דַארְף הֶערְן דִי בְּרָכָה וָוס עֶר וֶועט מַאכְן אוֹף דִי תְּרוּמָה (וְאִם תָּרַם תְּרוּמָתוֹ תְּרוּמָה) אוּנ אוֹבּ עֶר הָט אָפּ גְשֵׁייט אִיז דָס תְּרוּמָה (חֵרֵשׁ שֶׁדִּבְּרוּ בוֹ חֲכָמִים בְּכָל מָקוֹם שֶׁאֵינוֹ לֹא שׁוֹמֵעַ וְלֹא מְדַבֵּר) ווּ דִי חֲכָמִים זָאגְן אֵיין דִין פוּן הַחֵרֵשׁ מֵיינְן זֵיי אַזוֹ אֵיין חֵרֵשׁ וָוס הֶערְט נִיט אוּן רֶעט נִיט: **ג** (קָטָן שֶׁלֹּא הֵבִיא שְׁתֵּי שְׂעָרוֹת רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר תְּרוּמָתוֹ תְּרוּמָה) אֵיין קִינְד וָוס הָט נִיט קֵיין צְוֵויי הָאר (דָס מֵיינְט מֶען אִין דִיא פַארְבָּארְגֶענֶי עֶרְטֶר) זָאגְט רַבִּי יְהוּדָה אוֹבּ עֶר הָט אָפּ גְשֵׁייט תְּרוּמָה אִיז דִיא תְּרוּמָה גוּטֶע תְּרוּמָה. רַבִּי יוֹסִי זָאגְט (אִם עַד שֶׁלֹּא בָּא לְעוֹנַת נְדָרִים אֵין תְּרוּמָתוֹ תְּרוּמָה) אוֹבּ עֶר זָאל



נאך

אחד ומאותה שעה ואילך אם הרם תרומתו תרומה והלכה כרבי יוסי: **ד אין תורמין זיתים על השמן**. מי שיש לו שמן שחייב להפריש ממנו תרומה וזיתים שחייב להפריש מהן תרומה אינו יכול לתרום מן הזיתים כפי השיעור שיש לו לתרום על הזיתים ועל השמן ולפטור השמן בתרומ' הזיתים דכתיב (שם) כדגן מן הגורן מן הגמור על הגמור ולא ממה שאינו גמור על הגמור: **ואם תרם בית שמאי אומרי' תרומת עצמן יש בהן**. כלומר אין כאן תרומה אלא על הזיתים בלבד אבל לא על השמן: **וב"ה אומרים אינה תרומה**. הואיל ונתכוון לתרום גם על השמן אין כאן תרומה לא על הזיתים ולא על השמן והרי הוא כאילו לא תרם כלל:

**משבא לעונת נדרים תרומתו תרומה: ד אין תורמין זיתים על השמן ולא ענבים על היין. ואם תרמו בית שמאי אומרים תרומת עצמן בהם ובית הלל אומרים אין תרומתן תרומה: ה אין תורמין מן הלקט ומן השכחה ומן הפאה ומן ההפקר. ולא ממעשר ראשון (ס"א שלא) שנטלה תרומתו**

**ה אין תורמין מן הלקט ומן השכחה ומן הפאה**. מי שיש לו כרי של טבל אינו יכול להפריש עליו תרומה מלקט ושכחה ופאה שבידו שאלו מתנות עניים הן ואינו יכול לתקן טבלו במתנות עניים ולא מן ההפקר דכתיב (דברים יד) ובא הלוי כי אין לו חלק ונחלה עמך ממה שיש לך ואין לו אתה חייב ליתן יצא הפקר שידך וידו שוין בו: **ולא ממע"ר שנטלה תרומתו**. אין תורם ממנו תרומה גדולה על כרי של טבל שבידו ואיצטריך לאשמועינן היכא שהקדימו בן לוי לכהן בשבלים שהוא פטור מתרומה גדולה ודוקא שנטלה תרומתו אבל לא נטלה תרומתו יכול לתרום דהא בספרי מנין לבן לוי שהלך לעשות ממעשר

---

נאך ניט געקומען צו דר צייט וואס זיין נדר זאל זיין איין נדר (דס איז איין זכר צוועלף יאר מיט איין טאג אונ איין נקבה עלף יאר מיט איין טאג) איז זיין תרומה ניט קיין תרומה (משבא לעונת נדרים תרומתו תרומה) אונ ווי ער איז געקומען צו דר צייט אז זיין נדר איז אגוטר נדר איז זיין אפ שיידן תרומה גוטע תרומה: ד (אין תורמין זיתים על השמן ולא ענבים על היין) ווען איינר הט איילבערן (וואס מען האט נאך ניט ארוס גנומען פון זיי קיין אייל) אונ אייל. אונ ער האט וויינטרויבן אונ וויין. אונ מען הט נאך ניט געגעבן פון זיי קיין תרומה. טאר מען ניט אפ שיידן קיין תרומה פון די איילבערן אויף די איילבערן מיט די אייל. אונ פון די וויינטרויבן אויף די וויינטרויבן מיט די וויין (ואם תרמו בית שמאי אומרים תרומת עצמן בהם) אונ אוב מען הט אפ גשייט. זאגן בית שמאי ווי פיל ער הט גדארפט אפ שיידן פאר די איילבערן אונ פאר די וויינטרויבן איז גוטע תרומה. אונ די וואס ער הט אפ גשייט אויף די אייל אונ אויף די וויין איז ניט קיין תרומה (ובית הלל אומרים אין תרומתן תרומה) אונ בית הלל זאגן די תרומה איז ניט קיין תרומה אפילו אויף די איילבערן מיט די וויינטרויבן אויך ניט. נאר ער מוז נאך אמאל אפ שיידן תרומה אויף די איילבערן אונ די וויינטרויבן באזונדר. אונ אויף די אייל מיט די וויין באזונדר: ה (אין תורמין מן הלקט ומן השכחה ומן הפאה ומן ההפקר) איין ארעם מאן טאר ניט געבן קיין תרומה פון זייני לקט שכחה ופאה (וואס דס איז פטור פון תרומה) אויף אנדרי תבואה וואס זענן חייב בתרומה. ווארום מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון אזעלכי תבואה וואס זענן פטור פון תרומה אויף אזעלכי תבואה וואס זענן חייב בתרומה. אונ פון הפקר טאר מען אויך ניט אפ שיידן קיין תרומה אויף אנדרי תבואה ווארום הפקר איז פטור פון תרומה (ולא ממעשר ראשון שנטלה תרומתו) דר דין איז איידר מען נעמט ארוס די

ממעשר לאהרן שלו תרומה גדולה מנין שעושה ת"ל (במדבר יח) כי את מעשר בני ישראל אשר ירימו לה' תרומה מכאן שאם רצה לעשותו תרומה לאחרים עושה יכול אף לאחר שנטלה תרומתו יהא עושה אותו תרומה לאחרים ת"ל (שם) את מקדשו ממנו בזמן שקדשו בתוכו הוא עושה אותו תרומה לאחרים אין קדשו בתוכו אין עושה אותו תרומה לאחרים: **ולא ממעשר שני והקדש שנפדו.** הכי תנא כבר מעשר שני ממון גבוה הוא והיכא דלא נפדו פשיטא. דהיינו יכול לתקן טבלו בממון של גבוה אבל היכא דנפדו סד"א דיכול לעשותן תרומה גדולה על טבלו וכי תימא הא נמי פשיטא דחולין גמורים הוא אצטריך היכא דהקדימו בשבלים דפטור מתרומה גדולה כדפרישית במעשר ראשון: **והקדש שנפדה.** נמי אצטריך כשהקדיש טבל ומרחו הגזבר ואח"כ פדאו דפטור מן התרומה: **מן הפטור על החיוב.** כגון מפירות שלא הביאו שליש שהן פטורין מן המעשרות על הפירות שהביאו שליש שהן חייבין במעשרות: **ולא מן התלוש על המחובר**

**תרומתו ולא ממעשר שני והקדש (ס"א שלא) שנפדו ולא מן החיוב על הפטור ולא מן הפטור על החיוב ולא מן התלוש על המחובר ולא**
מן

---

תבואה פון די זאגן זענן זיי פטור פון תרומה. אונ אז מען הט שון ארום גנומן די תבואה פון די זאגן ניט מען פריער דעם כהן תרומה צוויי פון הונדרט אונ דר נאך דעם לוי צעהן פון אכט אונ ניינציג. אונ דר לוי גיט דעם כהן אצענטיל פון זיינע מעשר. אונ דס הייסט תרומת מעשר. אונ אוב דר לוי נעמט זיינע מעשר צעהן פון הונדרט איידר דר כהן איז גקומן. מוז ער אפ געבן דעם כהן זיינע תרומה וס עס איז דא אין די צעהן (ווארום ער האט דאך גדארפט נעמן צעהן פון אכט אונ ניינציג אונ ער הט גנומן צעהן פון הונדרט) אונ דר נאך גיט ער דעם כהן איינס פון צעהן תרומת מעשר. אבר אז דר לוי הט גנומן זיינע מעשר ווען די תבואה זענן גוועזן אין די זאגן. וס מען הט נאך ניט גבארפט געבן דעם כהן קיין תרומה. דארף דר לוי נאר געבן דעם כהן תרומת מעשר אונ ניט קיין תרומה. זאגט די משנה אז דר לוי טאר ניט מאכן די מעשר פאר תרומה אוף אנדרי תבואה. ווארום כל זמן עס איז דא תרומה אין די מעשר. דהיינו ער הט נאך ניט געגעבן קיין תרומת מעשר. אדר ער האט נאך ניט גגעבן דעם כהן זייני תרומה (איב ער האט גנומן דיא מעשר פאר דיא תרומה ווען מע האט שון ארום גנומן די תבואה פון דיא זאנגען) מעג ער מאכן פון דיא מעשר תרומה אוף אנדרי תבואה. איבר אז ער הט גנומן זיינע מעשר ווען די תבואה זענן נאך גוועזן אין דיא זאנגן קומט דאך ניט דעם כהן קיין תרומה פון דיא תבואה אונ דיא תרומת מעשר הט ער אוך אפ גגעבן דעם כהן איז דאך אין דיא תבואה ניטא קיין תרומה קען מען ניט מאכן פון זיי קיין תרומה אוף אנדרי תבואה (ולא ממעשר שני והקדש שנפדו) אונ פון מעשר שני אונ הקדש [וס מען הט הייליג גמאכט צום בית המקדש] אפילו מען הט דס אוס גלייזט [אוס גביטן אוף געלט] פון דעסט ווענן טאר מען זיי ניט מאכן קיין תרומה אוף אנדרי תבואה (ולא מן החיוב על הפטור) אונ אז ער שייט אפ תרומה פון תבואה וס מען איז חייב פון זיא צו געבן תרומה אוף אזעלכי תבואה וס מען דארף ניט געבן פון זיי קיין תרומה. איז דס ניט קיין תרומה (ולא מן הפטור על החיוב) אדר ער שייט אפ תרומה פון אזעלכי תבואה וס זענן פטור פון תרומה אוף אזעלכי תבואה וס זענן חייב בתרומה. איז דס ניט קיין תרומה (ולא מן התלוש על המחובר) אונ מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון אפ גשניטעני תבואה
אויף

מן המחובר על התלוש ולא מן החדש על הישן ולא מן הישן על החדש ולא מפירות הארץ על פירות חוצה לארץ ולא מפירות חוצה לארץ על פירות הארץ · ואם תרמו אין תרומתן תרומה : ו חמשה לא יתרומו ואם תרמו תרומתן תרומה · האלם והשכור והערום והסומא ובעל קרי לא יתרומו ואם תרמו תרומתן תרומה : ז אין תורמין לא במדה ולא במשקל ולא במנין · אבל

**המחובר.** דכתיב (שם) והרמותם ממנו שלא יתרום מן התלוש על המחובר ולא מן המחובר על התלוש דלשון הרמה לא שייך אלא בתלוש וממנו משמע שהתרומה והחולין שיהיו שוין : **מן החדש על הישן.** מפירות שנה זו על פירות שנה שעברה ולא מפירות שנה שעברה על פירות שנה זו דכתיב (דברים יד) היוצא השדה שנה שנה אבל שדה שעשה שתי גרנות בשנה כגון שדה בית השלחין תורמים ומעשרים מזה על זה : **ולא מפירות הארץ על פירות חוצה לארץ** · דכתיב (ויקרא כז) וכל מעשר הארץ מזרע הארץ גלי קרא במעשר וה"ה לתרומה וכן אין תורמין מפירות הארץ על פירות שבסוריא ולא מפירות שבסוריא על פירות שבארץ : **ו חמשה לא יתרומו** · מניינא למעוטי מדר' יהודה דאמר קטן שתרם תרומתו תרומה : **האלם** · והוא ששומע אלא שנשתתק מחמת חולי לא יתרום לפי שאינו יכול לברך וכן הערום אינו יכול לברך דכתיב (דברים כג) ולא יראה בך ערות דבר בשעה שאתה מדבר בו לא יראה בך ערוה : **ובעל קרי.** כמי בזמן התקנה מקמי דבטלי' לטבילותיה לא הוי מצי לברך דתקן בעל קרי מהרהר בלבו : **השכור והסומא.** אינם יודעים לברור מן היפה ואנן בעינן שיהא התורם בורר ותורם מן היפה דכתיב (במדבר יח) מכל חלבו את מקדשו והשכור מקרי כל שאינו יכול לדבר בפני המלך מחמת שכרותו : **ז אין תורמין לא במדה** · דכתיב (שם) ונחשב לכם תרומתכם במחשבה אתה תורם כלומר מאומד ואי אתה תורם לא במדה ולא במשקל ולא במנין. ואע"ג דהאי קרא בתרומת מעשר הוא דכתיב אם אינו ענין לתרומת מעשר שהרי נתנה בו תורה שיעור מעשר מן המעשר וצריך שימדוד כדי שיתן השיעור הראוי. תנהו ענין לתרומה גדולה שלא נתנה

כו

אויף תבואה וואס וואקסן נאך (ולא מן המחובר על התלוש) אונ ניט פון תבואה וואס וואקסן נאך אויף תבואה וואס איז שון אפ געשניטן (ולא מן החדש על הישן) אונ ניט פון די תבואה פון דעם יאר אויף די תבואה פון פאר יאהרן (ולא מן הישן על החדש) אונ ניט פון די תבואה פון פאר יאהרן אויף די תבואה פון דעם יאר (ולא מפירות הארץ על פירות חוץ לארץ) אונ מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון די פירות פון ארץ ישראל אויף די פירות פון חוץ לארץ (ולא מפירות חוצה לארץ על פירות הארץ) אונ ניט פון די פירות פון חוץ לארץ אויף די פירות פון ארץ ישראל (ואם תרמו אין תרומתן תרומה) אונ אוב מען האט אפ געשייט איז ניט קיין תרומה : ו (חמשה לא יתרומו) פינף מענטשן טארן ניט אפ שיידן קיין תרומה (ואם תרמו תרומתן תרומה) אונ אז זיי האבן אפ געשייט איז גוטע תרומה (האלם) איין שטומער . ווייל ער וועט ניט קענן מאכן קיין ברכה (והשכור והסומא) אונ איין שכור אונ אבלינדער ווייל זייא קענן ניט אוס קלייבן די בעסרי פירות. אונ תרומה מוז מען געבן פון די בעסטי פירות (והערום ובעל קרי) אונ איין נאקעטר אונ איין מענטש וואס האט געזעהן קרי וויל זיי טארן ניט מאכן קיין ברכה. אונ אוב זיי האבן אפ געשייט איז גוטי תרומה : ז (אין תורמין לא במדה) מען טאר ניט מעסטן (ולא במשקל) אדר וועגן (ולא במנין) אדר ציילן די תרומה וואס מען גיט . נאר ער נעמט אביסל



הבואה

אבל תורם הוא את המדוד ואת השקול ואת המנוי. אין תורמין בסל ובקופה שהם של מדה אבל תורם הוא בהן חציין ושלישן. לא יתרום בסאה חציה שחציה מדה: **ח** אין תורמין שמן על זיתים הנכתשין • ולא יין על ענבים הנדרכים • ואם תרם תרומתו תרומה ויחזור ויתרום׳ הראשונה מדמעת בפני עצמה וחייבין עליה חומש אבל לא שניה:

ותורמין

ש מורה שיעור: **אבל תורם הוא את המדוד**. שמודד הוא את פירותיו או מונה ושוקל את פירותיו ומכניסו לתוך ביתו וכשמפריש התרומה גדולה ממנו מפריש מאומד ולא ימדוד ולא ישקול ולא ימנה: **אין תורמין בסל ובקופה שהם של מדה**. שהרואה אומר במדה הוא תורם: **אבל תורם הוא בהן חציין ושלישן**. דכיון דאינו ממלא אותן ליכא למגזר: **שחציה מדה**. שיש בסאה פעמים סימנין עד מקום חציה ואיכא למגזר דלמא אתי לתרום במדה: **ח הזיתים הנכתשים**. רגילים היו לכתוש הזיתים במכתשת להוציא שמן: **תרם ומה הוא התרומה**. תרומה היא מדאורייתא: **ויחזור ויתרום** מדרבנן לאחר שיפלים כתישת אותן הזיתים ודריכת הענבים יחזור ויוציא תרומה כשיעור הצריך לשמן ולין שילא: **הראשונה** מדמעת. אם נפלה לפחות ממאה חולין נעשה הכל מדומע ואסור לזרים וימכר הכל לכהן דתרומה גמורה היא מדאורייתא: **וחייבין עליה חומש**. זר האוכלה בשגגה משלם קרן וחומש כדין כל זר אוכל תרומה: **אבל לא שניה**. לפי שאינה אלא מדרבנן לפיכך אינה מעלה עד שיפרישו עליה תרומה ומעשרות ממקום אחר דמדאורייתא הוא טבל גמור ואי קשיא מאי שנא הכא בתורם שמן על הזיתים הנכתשים דתרומתו תרומה ויחזור ויתרום ומאי שנא לעיל גבי התורם׳ זיתים על השמן וענבים על היין דאין תרומתו תרומה, וי״ל דהתורם זיתים על השמן איכא פסידא לכהן לפיכך אין תרומתו תרומה אבל בתורם שמן על הזיתים הנכתשים דליכא פסידא לכהן תרומתו תרומה אלא דרבנן הוא דגזור דיחזור

ויתרום

תְבוּאָה וָוס עֶר רֶעכִינְט אַז עֶס וָועט זַיין אפוֹפצִיג חֵלֶק אוּנ גִיט דֶעם כֹּהֵן (אֲבָל תּוֹרֵם הוּא אֶת הַמָדוּד) אָבֶּר דִי תְּבוּאָה וָוס עֶר דארף גֶעבֶּן פוּן איר תְּרוּמָה מֶעג עֶר מֶעסְטֶן (וְאֶת הַשָּׁקוּל) אוּנ וֶועגֶן (וְאֶת הַמָּנוּי) אוּנ צֵיילֶן (אֵין תּוֹרְמִין בְּסַל וּבְקוּפָּה שֶׁהֵם שֶׁל מִדָה) מֶען טָאר נִיט אָפּ שֵׁיידֶן מִיט אֵיין קְוֹיְרב אָדֶר אֵיין קַאסְטֶן וָוס זֵיי הָאבֶּן אֵיין גֶעוִויסִי מָאס (אֲבָל תּוֹרֵם הוּא בָּהֶן חֶצְיָין וּשְׁלִישָׁן) אָבֶּר עֶר מֶעג אִין זֵיי אָפּ שֵׁיידֶן אֵיין הֶעלְפְט אָדֶר אֵיין דְרִיטֶל (אֲבָל לֹא יִתְרוֹם בִּסְאָה) אָבֶּר מֶען טָאר נִיט אָפּ שֵׁיידֶן אִין אֵיין סְאָה דִי הֶעלְפְט (שֶׁחֶצְיָה מִדָה) וַוייל דִי הֶעלְפְט אִיז אוֹיךְ אֵיין מָאס. וָוארוּם אַמָאל אִיז דָא אֵיין צֵייכֶן אִין דֶר סְאָה וואו עֶס אִיז אֵיין הַאלְבִּי סְאָה:

**ח** (אֵין תּוֹרְמִין שֶׁמֶן עַל זֵתִים הַנִּכְתָּשִׁים) מֶען טָאר נִיט אָפּ שֵׁיידֶן קֵיין תְּרוּמָה פוּן אֵייל אוֹיף גְשְׁטוֹסֶעני אֵיילְבֶּערֶן (וְלֹא יַיִן עַל עֲנָבִים הַנִּדְרָכִים) אוּנ נִיט פוּן וויין אוֹיף גֶיטְרֶעטֶּני ווייִנְטְרוֹיבֶּן (וְאִם תָּרַם תְּרוּמָתוֹ תְּרוּמָה וְיַחֲזוֹר וְיִתְרוֹם) אוּנ אוֹיבּ עֶר הָאט אָפּ גְשֵׁיידְט אִיז דָס מִן הַתּוֹרָה גוּטֶע תְּרוּמָה. נָאר דִי רַבָּנָן זָאגֶן דֶר נָאךְ ווִי עֶר וָועט אַרוֹס נֶעמֶן דִי אֵייל פוּן דִי אֵיילְבֶּערֶן אוּנ דִי וויין פוּן דִי ווייִנְטְרוֹיבֶּן זָאל עֶר גֶעבֶּן נָאךְ אַמָאל תְּרוּמָה אוֹיף דִי אֵייל אוּנ אוֹיף דִי וויין (הָרִאשׁוֹנָה מְדַמַּעַת בִּפְנֵי עַצְמָהּ) דִי עֶרְשְׁטִי תְּרוּמָה אוֹיבּ זִיא אִיז צוּ מִישְׁט גְוָוארֶן אִין חוּלִין וֶוענִיגֶר ווִיא הוּנְדֶרְט מָאל אַזוֹ פִיל ווִי זִיא אִיז. ווֶערְט אִין גַאנְצֶן אָסוּר צוּ אֵיין יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל דָס עֶסֶן (וְחַיָּבִין עָלֶיהָ חוֹמֶשׁ) אוּנ אוֹיבּ אֵיין יִשְׂרָאֵל הָט גֶגֶעסֶן דִי עֶרְשְׁטִי תְּרוּמָה בִּשׁוֹגֵג דארף עֶר בַּצָאלֶן אֶפִינְפְטִי טֵייל מֶער ווִי דִי תְּרוּמָה אִיז ווֶערְט (אֲבָל לֹא שְׁנִיָּה) אָבֶּר בַּאי דִי אַנְדֶרִי תְּרוּמָה ווָס

זי״א

ט ותורמין שמן על זיתים הנכבשים ויין על ענבים לעשותם צמוקים. הרי שתרם שמן על זיתים לאכילה. וזיתים על זיתים לאכילה. ויין על ענבים לאכילה. וענבים על ענבים לאכילה. ונמלך לדורכן אין צריך לתרום: י אין תורמין מדבר שנגמרה מלאכתו על דבר שלא נגמרה מלאכתו. ולא מדבר שלא נגמרה מלאכתו על דבר שנגמרה מלאכתו. ולא מדבר שלא נגמרה מלאכתו על דבר שלא נגמרה מלאכתו. ואם תרמו תרומתן תרומה:

אין

ויתרום: ט זיתים הנכבשים. זיתים מלוחים וכבושים ביין או בחומץ כדי שיתקיימו והיינו דבר שנגמרה מלאכתו הלכך תורמין מן השמן עליהם דוקא שמן על זיתים העומדים להוציא שמן וכן יין על ענבים העומדות לידרך הוא דאסור לתרום אבל יין על צמוקים ושמן על זיתים הנכבשים שרי וכשהוא תורם מן השמן על הזיתים הנכבשים ומן היין על הצמוקים תורם לפי השמן הראוי שיצא מן הזיתים הנכבשים ולפי היין הראוי שיצא מן הצמוקים: אין צריך לתרום. הואיל וכי קא תרם שפיר קא תרם שהרי באותה שעה היו עומדות לאכילה: י אין תורמים מדבר שנגמרה מלאכתו. מדבר שנתמרח בכרי: על דבר שלא נגמרה מלאכתו. שלא נתמרח בכרי דכתיב (במדבר יח) כדגן מן הגורן וכמלאה מן היקב מן הגמור על הגמור ולא מן הגמור על שאינו גמור ולא משאינו גמור על הגמור: ואם תרם תרומתו תרומה. ודוקא בשאר פירות אבל התורם מן הזיתים על השמן או מן הענבים על היין הא אמרי' לעיל דאין תרומתו תרומה משום דאית ביה פסידא לכהן כדלקמן:

---

דיא איז נאר מדרבנן איז ניט אזו דער דין: ט (ותורמין שמן על זיתים הנכבשים) מען מעג אפ שיידן תרומה פון אייל אויף איילבערין וואס זענן איין גזאלצן גווארן אונ איין גפרעסט אין וויין אדר אין עסיג (ויין על ענבים לעשותם צמוקים) אונ פון וויין אויף וויינטרויבן וואס מאכט פון זיי ראזינקעס (הרי שתרם שמן על זיתים לאכילה) אוב ער הט אפ גשייט תרומה פון אייל אויף איילבערן וואס שטייען צום עסן (וזיתים על זיתים לאכילה) אדר פון איילבערן אויף איילבערן וואס ביידע שטייען צו עסן (ויין על ענבים לאכילה) אדר פון וויין אויף וויינטרויבן וואס שטייען צום עסן (וענבים על ענבים לאכילה) אדר פון ווייגטרויבן אויף וויינטרויבן וואס ביידי שטייען צום עסן (ונמלך לדורכן אין צריך לתרום) אונ דר נאך הט ער זיך בדאכט ער זאל זיי ניט עסן אזו ווי זיא זענן נאר ער זאל זיי טרעטן אונ ארויס נעמן פון זיי די אייל אדר די וויין. דארף ער ניט אפ שיידן דר פון קיין תרומה נאך אמאל. ווייל בשעת ער הט אפ גשייט זענן זיי דאך גשטאנען צום עסן. (די אנדרי משנה וועט זאגן דעם טעם פון די אלי משניות וואס זענן דא גשטאנען): י (אין תורמין מדבר שנגמרה מלאכתו על דבר שלא נגמרה מלאכתו) מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון איין זאך וואס דר בייא איז שון פערטיג אלי ארבייט עס שטייט שון צום עסן. אויף אזו איין זאך וואס זיין ארבייט איז נאך ניט פערטיג. עס שטייט נאך ניט צום עסן (ולא מדבר שלא נגמרה מלאכתו על דבר שנגמרה מלאכתו) אונ ניט פון אזו איין זאך וואס זיין ארבייט איז נאך ניט פערטיג אויף אזו איין זאך וואס זיין ארבייט איז שון פערטיג (ולא מדבר שלא נגמרה מלאכתו על דבר שלא נגמרה מלאכתו) אונ ניט פון אזו איין זאך וואס זיין ארבייט איז נאך ניט פערטיג אויף אזו איין זאך וואס זיין ארבייט איז נאך ניט פערטיג (ואם תרמו תרומתן תרומה) אונ אוב מען הט אפ גשייט איז דס גוטי תרומה:



אין

פרק ב **אין** תורמין מטהור על הטמא ואם תרמו תרומתן תרומה • באמת אמרו העגול של דבילה שנטמא מקצתו תורם מן הטהור שיש בו על הטמא שיש בו • וכן אגודה של ירק וכן ערימה • היו שני עגולים שתי אגודות שתי ערימות אחת טמאה ואחת טהורה לא יתרום מזה על זה • רא"א תורמין מן הטהור על הטמא : **ב** אין תורמין מן הטמא על הטהור ואם תרם שוגג תרומתו

פרק ב **אין תורמין מטהו' על הטמא.** גזרה שמא יתרום שלא מן המוקף משום דמספקי שמא יגע הטמא בטהור ויטמאנו ולכן בעינן שהתורם יתרום מן המוקף : **באמת אמרו** . כל היכא דתנינן באמת אמרו כאלו היא הלכה למשה מסיני אבל לאו דוקא הלכה למשה מסיני שהרי בפרק קמא דשבת שנינו באמת אמרו החזן רואה היכן התינוקות קורין ומדרבנן היא: **העגול של דבלה** . אע"פ שהדבלות מדובקות זו בזו בתוך העגול אין חשובות חבור לענין טומאה ולהכי נגעה טומאה באחת מן הדבלות לא נטמאת האחרת : **וכן אגודה של ירק וכן ערימה.** לריכי דאי אשמעינן עגול הוה אמינא עגול שכולו גוף אחד תורם . אגודה שאינה יוף אחד אינו תורם . ואי אשמעינן אגודה הוה אמינא אגודה שהכל תפוסה אחת תורם ערימה שאינה תפוסה אחת אינו תורם לריכי : **רבי אליעזר אומר תורמים** . לכתחילה מן הטהור על הטמא דלא גזר רבי אליעזר שמא יבא לתרום שלא מן המוקף ואין הלכה כרבי אליעזר : **ב אין תורמין מן הטמא על הטהור** . משום כסילא דכהן : **ואם תרם שוגג תרומתו תרומה** . ודוקא שהיתה לה שעת הכושר והגיעה לעונת מעשרות קודם שנטמא דמדאורייתא תרומה מעלייתא היא אבל אם נטמאת קודם שהגיעה לעונת מעשרות לא הוי' תרומה מדאורייתא ואם

פרק ב (אין תורמין מטהור על הטמא) מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון פירות וואס זענן טהור אוף פירות וואס זענן טמא (ואם תרמו תרומתן תרומה) אונ אוב מען הט אפ געשייט איז דס גוטע תרומה (באמת אמרו העגול של דבילה) אין אמת הט מען גזאגט פייגן וואס זענן צו זאמן געטרעטן איין סך אין איינם (שנטמא מקצתו) אונ אביסל פון זיי זענן טמא [ווארום אז עס רירט זיך אן איין טומאה אין עטליכי פייגן ווערן די איבעריגי ניט טמא] (תורם מן הטהור שיש בו על הטמא שיש בו) מעג מען אפ שיידן פון דעם ביסיל וואס איז טהור אוף דעם ביסיל וואס איז טמא . וואס זיי זענן נאך אין איינם (וכן אגודה של ירק) אונ איין בינטיל ירק וואס עס ליגע שטיקלאך ירק פון דעם בינטל זענן טמא מעג מען אפ שיידן תרומה פון דיא וואס זענן טהור אוף די וואס זענן טמא (וכן ערימה) אונ אז אין איין בינטל תבואה איז דא אביסל זאנגן וואס זענן טמא מעג מען אפ שיידן תרומה פון די איבעריגע זאנגן וואס זענן טהור אוף די זאנגן וואס זענן טמא (היו שני עגולים) אז די צו זאמן געטרעטני פייגן וואס זענן טמא זענן באזונדר און די וואס זענן טהור זענן באזונדר (שתי אגודות) אדר צווי בינטלאך ירק (שתי ערימות) צוויא בינטלאך תבואה (אחת טמאה ואחת טהורה) איינע איז טמא אונ איינע איז טהור (לא יתרום מזה על זה) טאר מען ניט אפ שיידן קיין תרומה פון איינע אוף די אנדרע. רבי אליעזר זאגט (תורמין מן הטהור על הטמא) מען מעג אפ שיידן תרומה פון טהור אוף טמא [ווארום מן הסתם וועט ער טאהן ווי דר דין איז אונ ער וועט זעהן אז די פירות אדר די תבואה זאל זיין צו זאמן ווען ער וועט אפ שיידן די תרומה]: ב (אין תורמין מן הטמא על הטהור) מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון טמא אוף טהור (ואם תרם שוגג תרומתו תרומה) אונ אוב ער הט

תרומתו תרומה · ומזיד לא עשה כלום · וכן בן לוי שהיה לו מעשר טבל היה מפריש עליו והולך · שוגג מה שעשה עשוי מזיד לא עשה כלום. ר"א אם היה יודע בו בתחלה אע"פ שהוא שוגג לא עשה כלום: ג המטביל כלים בשבת · שוגג ישתמש בהם מזיד לא ישתמש בהם: המעשר והמבשל בשבת שוגג יאכל מזיד

ואם תרם לפי' שוגג אין תרומתו תרומה: מעשר טבל. מעשר ראשון שלא נטלה ממנו תרומת מעשר: היה מפריש עליו והולך. היה מפריש ממנו על שאר מעשרותיו: אם היה יודע בו בתחילה. שהוא טבל או שהוא טמא אע"פ שבשעה שתרם היה שוגג ששכח שהוא טבל או שהוא טמא הוי שוגג קרוב למזיד: לא עשה ולא כלו'. ואין הלכה כר' יהודה: ג המטביל כלים

בשבת. פאסור להטביל כלים טמאים להעלותם מידי טומאתן בשבת מפני שנראה כמתקן כלי: המעשר. פאסור להפריש תרומות ומעשרות בשבת מפני שהוא מתקן: והמבשל בשבת. בשוגג יאכל אותו תבשיל למוצאי שבת אבל לא בשבת עצמו ובמזיד לא יאכל הוא אבל אחרים אוכלים למוצאי שבת דכתיב (שמות לא) ושמרת' את השבת כי קדש היא היא קדש ואין מעשיה קדש

אפ געשייט. אוב ער הט ניט גוואוסט אז דס איז טמא. איז גוטי תרומה (ומזיד לא עשה כלום) אונ אז ער הט גוואוסט אז דס איז טמא פון דעסט וועגן הט ער אפ געשייט. איז ניט קיין תרומה (וכן בן לוי שהיה לו מעשר טבל היה מפריש עליו והולך) אונ אזו איז דר דין אז איין לוי הט געהאט מעשר וואס זיי זענן געוועזן טבל [מען הט נאך ניט גנומן פון זיי קיין תרומת מעשר]. אונ זיי זענן געוועזן טמא אונ ער הט אפ געשייט פון די מעשר תרומת מעשר אויף אנדרי מעשר טבל וואס ער הט געהאט (שוגג מה שעשה עשוי) אוב ער האט ניט גוואוסט אז זיי זענן טמא. איז גוטי תרומה (ומזיד לא עשה כלום) אונ אז ער הט גוואוסט אז זיי זענן טמא אונ האט אפ געשייט. איז דס ניט קיין תרומה. רבי יהודה זאגט (אם היה יודע בו בתחלה) אוב ער הט אין אנהייב גוואוסט אז דס איז טמא (אע"פ שהוא שוגג לא עשה כלום) אפילו בשעת ער הט אפ געשייט האט ער פאר געסן. איז דס ניט קיין תרומה (ועיין בפי' הרע"ב ותוי"ט). מען קען זאגן דעם פשט אין דר משנה אזו. וכן. אונ אזו איז דר דין באיי איין לוי וואס ער הט געהאט מעשר טבל [מעשר וואס מען הט נאך ניט געגעבן קיין תרומת מעשר] אונ די מעשר איז טהור (היה) הט ער אפ געשייט פון אנדרי תבואה וואס זענן טמא די תרומת מעשר וואס ער דארף געבן פון די מעשר. איז אויך דר דין אוב בשוגג ער הט ניט גוואוסט אז זיי זענן טמא איז גוטע תרומת מעשר. אונ אוב ער הט גוואוסט אז זיי זענן טמא אונ ער הט במזיד אפ געשייט דר פון די תרומת מעשר איז דס ניט קיין תרומה. [דר ציילט די משנה אז תרומה מיט תרומת מעשר האבן איין דין]. אונ רבי יהודה קריגט אויף דר גאנצר משנה אונ זאגט אוב ער הט נאר אמאל גוואוסט אז זיי זענן טמא אפילו ער הט פאר געסן בשעת ער הט אפ געשייט די תרומה. איז דס גלייך צו מזיד אונ עס איז ניט קיין תרומה: ג (המטביל כלים בשבת) ווען איינר האט טובל געוועזן כלים אום שבת וואס זענן געוועזן טמא. איז דר דין (שוגג ישתמש בהם) אוב ער האט פאר געסן אז עס איז שבת מעג ער ניצען מיט די כלים (מזיד לא ישתמש בהם) אוב ער הט טובל געוועזן במזיד טאר ער ניט ניצן מיט די כלים (המעשר) ווען איינר מעשרט זיינע פירות אום שבת (והמבשל) אדר ער קאכט אום שבת (שוגג יאכל מזיד לא יאכל) אוב ער הט דאס געטאן בשוגג. ער הט פאר געסן אז עס איז שבת. אדר ער הט גמיינט אז מען מעג דס טאן

קדש : **ובשביעית בין שוגג בין מזיד יעקור**. שנחשדו ישראל על השביעית ולא נחשדו על השבת : **ד כל מין חטים אחד**. ואע״ג דאיכא שחמתית ולבנה : **וכל מין תאנים אחד**. אע״ג דאיכא שחורות ולבנות. תאנים בעודן לחים קרויין תאנים וכשיבשו קרויין גרוגרות וכשדורסין בעגול קרויין עגול דבלה : **תורם מן היפה**. מן

**מזיד לא יאכל · הנוטע בשבת שוגג יקיים מזיד יעקור · ובשביעית בין שוגג בין מזיד יעקור : ד אין תורמין ממין על שאינו מינו · ואם תרם אין תרומתו תרומה · כל מין חטים אחד כל מין תאנים וגרוגרות והדבלה אחד · ותורם מזה על זה · כל מקום שיש כהן תורם מן היפה וכל מקו׳ שאין כהן תורם מן המתקיי׳. ר״א לעולם הוא תורם מן היפה : ה תורמין בצל קטן שלם ולא חצי בצל**

התאני׳ על הגרוגרות דתאנים יפים מן הגרוגרות : **תורם מן המתקיים**. מן הגרוגרות על התאנים דגרוגרות מתקיימי טפי : **לעולם הוא תורם מן היפה**. דכתיב (במדבר יח) בהרימכם את חלבו לעולם בעינן חלבו ואי פסיד יפסד ואין הלכה כרבי יהודה : **ה התורמים בצל קטן שלם**. לפי שהוא מתקיים : **ולא חצי בצל גדול**. אף על פי שהוא

---

אום שבת (יאכל) מעג ער דס עסן מוצאי שבת. אבער אום שבת ניט. אוב ער הט דס גטאן במזיד טאר ער דס קיין מאל ניט עסן. אונ אנדרי מעגן דס עסן מוצאי שבת (הנוטע בשבת) ווען איינר הט גפלאנצט איין בוים אום שבת (שוגג יקיים) אוב ער הט פאר געסן אז עס איז שבת מעג ער דעם בוים לאזן וואקסן (מזיד יעקור) אונ אז ער הט דס גטאן במזיד מוז ער דעם בוים אוס רייסן (ובשביעית בין שוגג בין מזיד יעקור) אונ אוב ער הט גפלאנצט אבוים אום שביעית סאיי בשוגג סאיי במזיד מוז ער אוס רייסן דעם בוים. ווארום אוף שבת איז מען ניט אין חשד אז מען זאל טאן במזיד אונ מען זאל זאגן אז דס איז גוועזן בשוגג. דאריבער אז איינר זאגט ער הט גטאן בשוגג גלויבט מען אים. אבער אום שביעית קען זיין ער זאל טאן במזיד אונ זאגט אז ער הט גטאן בשוגג. דאריבער הט מען גזאגט אז סאיי במזיד אונ סאיי בשוגג מוז ער אוס רייסן דעם בוים : ד (אין תורמין ממין על שאינו מינו) מען טאר ניט אפ שיידן קיין תרומה פון איין מין תבואה אוף דעם אנדרן מין (ואם תרם אין תרומתו תרומה) אונ אוב ער הט אפ גשייט איז דס ניט קיין תרומה (כל מין חטים אחד) אלי מינים ווייץ רוטע אונ ווייסע ווערט גרעכנט איין מין (כל מין תאנים וגרוגרות ודבילה אחד) אלי מינים פייגן (שווארצע אונ ווייסע). אונ געטריקנטי פייגן. אונ צו זאמן גיטרעטני פייגן. דס הייסט אלץ איין מין (ותורם מזה על זה) אונ מען מעג אפ שיידן תרומה פון איינס אוף דס אנדרי (כל מקום שיש כהן תורם מן היפה) אין אלי ערטר וואו עס איז דא הכהן גיט מען תרומה פון די בעסטי (וכל מקום שאין כהן תורם מן המתקיים) אונ וואו עס איז ניטא קיין כהן אונ מען דארף ווארטן ביז מען וועט קריגן הכהן אים צו געבן די תרומה. גיט מען תרומה פון די וואס דויערט לייגר. רבי יהודה זאגט (לעולם הוא תורם מן היפה) מען מוז אייביג געבן תרומה פון די בעסטי. אפילו וואו עס איז ניטא קיין כהן אונ ביז עס וועט קומן הכהן וועט דר ווייל פארפיילט ווערן. איז דס אוך תרומה : ה (תורמין בצל קטן שלם ולא חצי בצל גדול) מען גיט תרומה אקליינע ציבעלע אגאנצע אונ ניט איין אהלבע ציבעלע פון אגרויסע. חאטשע די האלבע איז בעסר. דא קען

בצל גדול. ר"א לא כי אלא חצי בצל גדול. וכן היה רבי יהודה אומר תורמין בצלים מבני המדינה על הכופרים אבל לא מן הכופרים על בני המדינה מפני שהוא מאכל פוליטיקין: ו ותורמין זיתי שמן על זיתי כבש ולא זיתי כבש על זיתי שמן. ויין שאינו מבושל על המבושל ולא מן המבושל על שאינו מבושל. זה הכלל כל שהוא כלאים בחבירו לא יתרום מזה על זה אפי' מן היפה

על

שהוא יפה ממנו: **רבי יהודה אומר לא כי.** ר' יהודה לטעמיה דאמר לעולם הוא תורם מן היפה: **מבני המדינה.** טובים לאכילה מן הכופרים הבצלים של בני הכפרים אבל של בני הכפרים מתקיימים יותר: **מפני שהוא מאכל פוליטיקי'.** בצלים של בני המדינה הוא מאכל לאנשים חשובים והם יפים יותר מהוקן של בני הכפרים. פוליטיקין. בני פלטרין של מלכים: **ו תורמין זיתי שמן.** שעומדים להוציא שמן: **על זיתי כבש.** זיתים שאין עושים שמן וכובשים אותן ביין או בחומץ לקיים אותן לאכילה וזיתי שמן יפין מזיתי כבש שלכך מפרישים מזיתי שמן על זיתי כבש דהוה ליה מן היפה על הרע: **ויין שאינו מבושל.** יפה לשתיה מן המבושל: **כל שהוא כלאים בחבירו לא יתרום מזה לזה.** דאמר קרא (במדבר יח) כל חלב יצהר וכל חלב תירוש ודגן אמרה

תורה

---

אבער ניט לאנג ליגען אונ דיא גאנצי קען לאנג ליגען. רבי יהודה זאגט (לא כי אלא חצי בצל גדול) ניט אזו דארף זיין. נאר ער דארף געבן איין האלבי ציבעלי פון אגרויסי וויל זיא איז בעסר. (וכן היה ר"י אומר תורמין בצלים מבני המדינה על הכופרים) אונ אזו האט רבי יהודה גזאגט מען שייט אפ תרומה פון די ציבעלי וואס וואקסן אין שטאט אויף די ציבעלי וואס וואקסן אין דארף (אבל לא מן הכופרים על בני מדינה מפני שהוא מאכל פוליטיקין) אבער ניט פון די ציבעלי וואס וואקסן אין דארף אויף די וואס וואקסן אין שטאט. וויל די וואס וואקסן אין שטאט זענן בעסר ווי די וואס וואקסן אין דארף. זייא זענן איין עסין פאר איידעלי מענטשן. חאטשי די וואס וואקסן אין דארף דויערן לייגער. נאר רבי יהודה גייט נאר נאך די וואס בעסר איז. דאריבער אז ער שייט אפ פון די וואס וואקסן אין שטאט אויף די וואס וואקסן אין דארף הייסט דאס מן היפה על הרעה פון גוטע אויף שלעכטי איז דאס תרומה. אונ אז ער שייט אפ פון די וואס וואקסן אין דארף אויף די וואס וואקסן אין שטאט הייסט דאס מן הרעה על היפה פון שלעכטע אויף גוטי איז דאס ניט קיין תרומה: ו (ותורמין זיתי שמן על זיתי כבש) מען מעג אפ שיידן תרומה פון איילבערן וואס מען וועט פון זיי מאכן אייל אויף די איילבערן וואס מען קען ניט מאכן פון זיי קיין אייל נאר מען וועט זיי איין פרעגן אין וויין אדער אין עסיג אונ מען וועט זיי אזו עסן. ווארום די איילבערן וואס מען וועט פון זייא מאכן אייל זענן בעסר ווי דיא איילבערן וואס מען וועט זיי אזו עסן. הייסט דס פון גוטע אויף שלעכטע. אבער פון די איילבערן וואס מען וועט אזו עסן טאר מען ניט אפ שיידן קיין תרומה אויף די איילבערן וואס מען וועט פון זיי ארוס נעמן די אייל. וויל דאס הייסט פון שלעכטע אויף גוטע (ויין שאינו מבושל על המבושל) ניט קיין גקאכטע וויין איז בעסר צום טרינקען ווי גקאכטע. דאריבער מעג מען געבן תרומה פון ניט גקאכטע וויין אויף גקאכטע (ולא מן המבושל על שאינו מבושל) אבער פון גקאכטע וויין טאר מען ניט געבן קיין תרומה אויף ניט גקאכטע (זה הכלל כל שהוא כלאים בחבירו) דס איז דר כלל. די צוויי מינים וואס זענן כלאים אויב מען זייט זיי אין איינעם (לא יתרום מזה על זה) טאר מען ניט געבן סי

תורם מן חלב לזה וחלב לזה : חוץ מן הזונין . בערבי צא"ן ובלע"ז ויל"א ואינו מאכל אדם ומקיימים אותם ליונים : הקישות . בערבי פאקו"ס : והמלפפון . בערבי כייא"ר: של חומץ כו'. שסבור' מן החומץ על היין אין תרומתו תרומה דיין וחומץ שני מינים הן : אם ספק. עד שלא תרמה החמיצה או לאחר שתרמה החמיצה : תרומה ויחזור ויתרום .

על הרע . וכל שאינו כלאים בחבירו תורם מן היפה על הרע אבל לא מן הרע על היפה • ואם תרם מן הרע על היפה תרומתו תרומה חוץ מן הזונין על החטים שאינן אוכל . הקישות והמלפפון מין אחד • ר"י אומר שני מינין :

פרק ג התורם קישות ונמצאת מרה • אבטיח ונמצא סרוח • תרומה ויחזור ויתרום • התורם חבית של יין ונמצאת של חומץ • אם ידוע שהיתה של חומץ עד שלא תרמה אינה תרומה אם משתרמה החמיצה הרי זו תרומה • אם

מין אחד . ותורמין מזה על זה : שני מינים • ואין תורמין מזה על זה ואין הלכה כרבי יהודה :

פ"ג התורם וכו' . בשוגג איירי ולפ"ה יהזור ויתרום דהוי קרוב למזיד משום דהוה ליה [למטעמיה]:ונמצאת

ונותן שהיכן לכהן וכהן נותן לו דמי הראשונה שהיא גדולה מן השניה שהשניה מהמעטת כפי מה שעולה תרומ' הראשונה ולפי שהכהן הוא המוציא מחבירו ואנן קיימא לן בכל דוכתא המוציא מחבירו עליו הראיה לפיכך אינו נוקט

---

תרומה פון איין מין אויף דעם אנדרן (אפילו מן היפה על הרע) אפילו פון גוטע אויף שלעכטע (וכל שאינו כלאים בחבירו) אונ די מינים וואס זענן ניט קיין כלאים (תורם מן היפה על הרע) מעג ער געבן תרומה פון דעם בעסרן מין אויף דעם ערגרן (אבל לא מן הרע על היפה) אונ ניט פון דעם ערגערן אויף דעם בעסרן (ואם תרם מן הרע על היפה תרומתו תרומה) אונ אוב ער הט אפ געשייט פון דעם ערגערן מין אויף דעם בעסרן איז גוטע תרומה (חוץ מן הזונין על החיטים שאינו אוכל) נאר פון זונין אויף ווייץ איז ניט קיין תרומה . ווארום זונין איז ניט קיין עסן צו מענטשן (והקישות והמלפפון מין אחד) קישות אונ מלפפון איז איין מין . ניט מען תרומה פון איינס אויף דס אנדרע (רבי יהודה אומר שני מינים) רבי יהודה זאגט דס איז צוויי מינים אונ מען טאר ניט געבן קיין תרומה פון איינס אויף דס אנדרע :

פרק ג (התורם קישוה) ווען איינר האט אפ געשייט תרומה פון קישות (ונמצאת מרה) אונ דר נאך הט מען פר זוכט אונ זיא איז ביטר . (אבטיח ונמצא סרוח) אדר ער הט אפ געשייט תרומה פון אבטיח . אונ דר נאך הט מען געזעהן אז זיא איז פרפוילט (תרומה) איז דס תרומה [ווארום דאס איז איין מין נאר פון שלעכטע אויף גוטע . אונ פון שלעכטע אויף גוטע אוב מען הט שון אפ געשייט איז תרומה (ויחזור ויתרום) נאר ער דארף געבן נאך אמאהל תרומה . [מען הט איהם גקנסת וויל ער האט בדארפט פר זוכן אוב עס איז ניט ביטר אדר זעהן אוב עס איז ניט פרפוילט] (התורם חבית של יין) ווען איינר הט אפ געשייט תרומה איין פאס ויין (ונמצאת של חומץ) דר נאך הט מען געזעהן אז דס איז עסיג . איז דר דין (אם ידוע שהיתה של חומץ) אוב עס איז געוויס אז דאס איז געווען עסיג (עד שלא תרמה) איידר מען האט אפ געשייט (אינה תרומה) איז דס ניט קיין תרומה . ווארום עסיג מיט וויין זענן צוויי מינים (אם משתרמה החמיצה) אונ אוב בשעת מען האט אפ געשייט די פאס איז זיא געווען וויין דר נאך איז זיא זויער געווארן (הרי זה תרומה) איז דאס טעטע

שקה בלא דמים אלא הקטנה וצריך שיתן לו דמי הגדולה שהיא הראשונה : **הראשונה אינה מדמעת בפני עצמה.** אם נפלה לפחות ממאה של חולין אין נעשית מדומע דשמא אינה תרומה אלא השניה היא תרומה וכן השניה אינה מדמעת בפני עצמה שמא הראשונה תרומה ולא השניה ·

**ואין חייבין עליה חומש**. אי שאכל הראשונה או השניה לבדה אינו משלם חומש כדין שאר אוכלי תרומ' בשגגה : **ב מדמעות כקטנה שבשתיהן**. כשיעור השניה שהיא קטנה שבשתיהן ואם יש בחולין מאה כנגד הקטנה אין נעשים מדומע אלא נוטל מן החולין כשיעור אלו הב' תרומות שנפלו בהן ונותן לכהן והשאר חולין

**אם ספק · תרומה ויחזור ויתרום · הראשונה אינה מדמעת בפני עצמה · ואין חייבין עליה חומש וכן השניה : ב נפלה אחת מהן לתוך החולין אינה מדמעתן · נפלה שניה למקום אחר אינה מדמעתן. נפלו שתיהן למקו' אחד מדמעות כקטנה שבשתיהן :**

---

תְּרוּמָה (אִם סָפֵק) אוּנ אוּב מֶען ווייס נִיט ווען זִיא אִיז זוֹיעֶר גְוואָרֶן (תְּרוּמָה וְיַחֲזוֹר וְיִתְרוֹם) אִיז דָם תְּרוּמָה אוּנ מֶען דַארְף נָאךְ אַמָאהְל אָפּ שֵׁיידְן תְּרוּמָה. אוּנ עֶר גִיט בֵּיידֶע צוּם כֹּהֵן נָאר פַר אֵיינֶע בֶּצָאהְלְט אִיהם דֶר כֹּהֵן (הָרִאשׁוֹנָה אֵינָהּ מְדַמַּעַת בִּפְנֵי עַצְמָהּ) אוּב דִי עֶרְשְׁטֶע פַאס וויין אִיז צוּ מִישְׁט גְוואָרֶן מִיט נָאךְ פֶעסֶר פוּן חוּלִין ווערְן דִי פֶעסֶר פוּן חוּלִין נִיט אָסוּר טָאמֶר אִיז זִיא נִיט קֵיין תְּרוּמָה. אוּנ אוּב דִי אַנְדֶערֶע פַאס אִיז בּזוּנֶדר צוּ מִישְׁט גְוואָרֶן מִיט פֶעסֶר פוּן חוּלִין אַסַרְתּ זִיא אוֹיךְ נִיט ווָארוּם טָאמֶר אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע נִיט גְוועֶן קֵיין עֶסִיג בִּשְׁעַת מֶען הָט אִיר אָפּ גְשֵׁייט פַר תְּרוּמָה. אִיז דָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע תְּרוּמָה אוּנ דִי אַנְדֶערֶע אִיז נִיט קֵיין תְּרוּמָה. נָאר אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע צוּ זַאמֶען ווערְן צוּ מִישְׁט אִין חוּלִין. אִיז דָאךְ אֵיינֶע גֶעווִיס תְּרוּמָה ווערְן אַלֶע פֶעסֶר אָסוּר. בִּיז הוּנְדֶערְט (וְאֵין חַיָּיבִין עָלֶיהָ חוֹמֶשׁ) אוּנ אַז הַיִשְׂרָאֵל הָט גְטְרוּנְקֶען פוּן דֶר עֶרְשְׁטֶער פַאס (ווָס זִיא אִיז עֶסִיג) בְּשׁוֹגֵג דַארְף עֶר נִיט בֶּצָאהְלֶען מִיט אַפִינְפְטֶעל מֶער. טָאמֶר אִיז זִיא נִיט קֵיין תְּרוּמָה (וְכֵן הַשְּׁנִיָּה) אוּנ אוּב עֶר הָט גְטְרוּנְקֶען פוּן דֶר אַנְדֶערְר פַאס [אוּנ נִיט פוּן דֶר עֶרְשְׁטֶער] דַארְף עֶר אוֹיךְ נִיט בֶּצָאהְלֶען אַפִינְפְטֶעל מֶער. טָאמֶר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע גְוועֶן תְּרוּמָה. אִיז דִיא נִיט קֵיין תְּרוּמָה. נָאר אַז עֶר טְרִינְקְט פוּן בֵּיידֶע פֶעסֶר בְּשׁוֹגֵג דַארְף עֶר בֶּצָאהְלֶען מִיט אַפִינְפְטֶעל מֶער אוֹיף אֵיין פַאס. אוֹיף דֶר עֶרְשְׁטֶער פַאס ווָס זִיא אִיז עֶסִיג. ווָארוּם עֶר קֶען זָאגֶן צוּם כֹּהֵן עֶר זָאל בְּרֵיינְגֶען עֵדוּת אַז דִי אַנְדֶערֶע אִיז תְּרוּמָה. טָאמֶר אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע שְׁפֶּעטֶער זוֹיעֶר גְוואָרֶן אִיז דָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע תְּרוּמָה אוּנ נִיט דִי אַנְדֶערֶע: ב (נָפְלָה אַחַת מֵהֶן לְתוֹךְ הַחוּלִין) אוּב אֵיין פַאס פוּן דִיא בֵּיידֶע פֶעסֶר אִיז צוּ מִישְׁט גְוואָרֶן אִין חוּלִין אִין ווייניגֶער ווִיא הוּנְדֶערְט פֶעסֶר (אֵינָהּ מְדַמַּעְתָּן) אַסַרְתּ נִיט דִי פַאס דִי אִיבֶּרִיגֶע פֶעסֶר. נָאר אֵיינֶע גֶעמְט עֶר אַרוֹם אוּנ בַּאלְט זִיא אַזוֹ ווִי תְּרוּמָה (נָפְלָה שְׁנִיָּה לְמָקוֹם אַחֵר אֵינָהּ מְדַמַּעְתָּן) אוּנ אַז דִי אַנְדֶערֶע פַאס אִיז צוּ מִישְׁט גְוואָרֶן מִיט אַנְדֶערֶע חוּלִין ווערְן דִי חוּלִין אוֹיךְ נִיט אָסוּר [אַזוֹ ווִי פְרִיעֶר אִיז גְשְׁטַאנֶען] (נָפְלָה שְׁתֵּיהֶן לְמָקוֹם אַחֵר) נָאר אוּב דִיא בֵּיידֶע פֶעסֶר צוּ זַאמֶען זֶענֶען צוּ מִישְׁט גְוואָרֶן אִין ווייניגֶער ווִי הוּנְדֶערְט חוּלִין (מְדַמַּעַת כִּקְטַנָּה שֶׁבִּשְׁתֵּיהֶן) ווערְן דִי חוּלִין אָסוּר. אוּנ אוּב עֶס אִיז דָא הוּנְדֶערְט פֶעסֶר חוּלִין ווִי דִי קְלֶענֶערֶע אִיז [ווָארוּם דִי עֶרְשְׁטֶע פַאס אִיז אָפּ גְשֵׁייט גְוואָרֶן פוּן פוּפְצִיג פֶעסֶר. אוּנ דִי אַנְדֶערֶע אִיז דָאךְ נָאר אָפּ גְשֵׁייט גְוואָרֶן פוּן נַיין פֶערְצִיג אִיז דָאךְ דִי אַנְדֶערֶע קְלֶענֶער ווִי דִי עֶרְשְׁטֶע] נֶעמְט מֶען אַרוֹם פוּן דִי חוּלִין אַזוֹ

חולין כמו שהיו: ג תרומ' שניהם תרומה. היינו דתרומת כ"א מהן הויא תרומה וחציה חולין נמצא כשתרמו שניהם מנ' סאין זה סאה וזה סאה שלא קדשה תרומה כי אם חצי סאה בכל זה וחצי סאה בכל זה כ"א כפי חלקו: אם תרם הראשון כשיעור. אחד מנ' כשיעור שנתנו חכמים תרומתו תרומה והלכה כר' יוסי דלפרושי מילתייהו דחכמים קאתי. ואיכא דמפרשי אם תרם הראשון כשיעור גם שתרם חברו אח"כ תרומתו תרומה דחזקה דהוי ניחא ליה להילך בתרצה במה שתרם הראשון שהרי היתה דעתו מסכמת עמו בשיעור התרומה. ופי' ראשון נראה בעיני עיקר:

ג השותפין שתרמו זה אחר זה רבי עקיבא אומר תרומת שניהם תרומה וחכמים אומרים תרומת הראשון תרומה. רבי יוסי אומר אם תרם הראשון כשיעור אין תרומת השני תרומה ואם לא תרם הראשון כשיעו' תרומת השני תרומה: ד במה דברים אמורים כשלא דבר אבל הרשה את בן ביתו או את עבדו או את שפחתו לתרום תרומתו תרומה. בטל אם עד שלא תרם

ד בד"א. הא דפליג ר"ע לעיל ואמר תרומת שניהם תרומה: בשלא דבר. שלא נטל רשות מחבירו לתרום אלא תרם מדעתו: אבל הרשה. שנתן בע"ה רשות לתרום תרומתו תרומה: בטל. אם לאחר שמינה שליח לתרום בטל שליחותו

---

פיל ווי עס איז אריין גפאלן פון די ביידע פעסר אונ עס איז מותר : ג (השותפין שתרמו) ווען צוויי שותפים האבן אפ גשייט תרומה פון איינע תבואה (זה אחר זה) איינר נאך דעם אנדרן (רבי עקיבא אומר תרומת שניהם תרומה) זאגט רבי עקיבא אז ביידונס תרומה איז גוטע תרומה. [דהיינו אוב זיי האבן גהאט בשותפות פופציג סאה תבואה אונ איין שותף הט אפ גשייט איין סאה פר תרומה. אונ דר נאך הט דר אנדרר אויך אפ גשייט איין סאה פר תרומה. איז פון דעם שותף איין הארבע סאה תרומה אונ איין האלבע סאה חולין אונ דעם אנדערונס איז אויך אזו איין האלבע סאה תרומה אונ איין האלבע חולין]. ווארום יעדר האט דאך נאר אין דיא תבואה פופציג האלבע סאה (וחכמים אומרים תרומת הראשון תרומה) אונ דיא חכמים זאגן דעם ערשטינס תרומה איז גוטע תרומה (רבי יוסי אומר) רבי יוסי איז מפורש די רייד פון די חכמים. ווען זאגן די חכמים אז דעם ערשטונס תרומה איז גוטע תרומה אונ דעם אנדערונס איז ניט קיין תרומה (אם תרם הראשון כשיעור אין תרומת השני תרומה) נאר אז ער הט אפ גשייט תרומה ווי דר דין איז איינס פון פופציג (ואם לא תרם הראשון כשיעור) אבר אז דר ערשטר הט ניט געגעבן די תרומה ווי דר דין. נאר דר אנדרר הט געגעבן ווי דר דין (תרומת השני תרומה) איז דעם אנדרונס תרומה גוטע תרומה. [אונ דעם ערשטונס בלייבט אויך תרומה. ווארום מן התורה האט דאך תרומה ניט קיין שיעור איז דאך דעם ערשטונס תרומה מן התורה גוטע תרומה] : ד (במה דברים אמורים) ווען זאגט רבי עקיבא אז ביידונס תרומה איז גוטע תרומה (כשלא דבר) נאר אז זיא האבן ניט אפ גרעט צווישן זיך ווער עס זאל אפ שיידן תרומה (אבל הרשה את בן ביתו) אבר אז איינר הט גהייסן זיין הויז מענטש (או את עבדו) אדער זיין קנעכט (או את שפחתו) אדער זיין דינסט (לתרום) זיי זאלן אפ שיידן תרומה (תרומתו תרומה) איז גוטע תרומה. [אונ אז ער ניט רשות זיין שותף ער זאל אפ שיידן תרומה איז געוויס גוטע תרומה] (בטל) אוב דר נאך ווי ער הט גגעבן איינעם רשות אפ צו שיידן תרומה הט ער מבטל געווען זיינע שליחות [אונ ער וויל שון ניט אז יענר זאל אפ שיידן דיא תרומה]. איז דר דין אזו (אם

בטל אין תרומתו תרומה. ואם משתרם בטל תרומתו תרומה. הפועלים אין להם רשות להרום חוץ מן הדרוכות שהן מטמאים את הגת מיד: ה האומר תרומת הכרי זה בתוכו ומעשרותיו בתוכו תרומ׳ מעשר זה בתוכו. רש״א קרא שם. והב״א עד שיאמר בצפונו או בדרומו.

שליחותו נאחר שהלך השליח מלפניו: חוץ. בעלים ע״ה שהשכירו פועלים חברים כדי להפריש תרומה בטהרה רשאים לתרום עד שלא יגעו בו הבעלים ע״ה ויטמאו את התרומה מפני שהן מטמאים את הגת שהבעלים עמי הארץ מיד כשהתחילו הדורכים לדרוך והלכו בגת שתי וערב אינם נזהרים יותר מליגע בגתן ומטמאים אותה לפי שהם חושבים שמיד כשהתחילו לדרוך הפרישו החברים תרומה גדולה הלכך מפרישים החבילים הדורכים מן היין כדי שיעור תרומה הצריכה לכל הגת מיד כשהלכו בה שתי וערב. שאם יגעו בו הבעלים ויטמאו הגת קודם שיגמור יש לכן יין מזומן להפריש על הכל בטהרה: ה קרא שם. צריך לתרום ולעשר מתוכו ואינו יכול להפריש עליו ממקום אחר ואע״ג דרחמנא קרייה לתרומ׳ ראשית ובעינן שיהיו שיריה ניכרים כיון דאמר בתוכו משמע באמצע הכרי תהא התרומה והא איכא סביביו שהם שיריה ניכרים: עד שיאמר בצפונו או בדרומו. ואע״ג דבתוכו משמע באמצעיתו לא הוי מקום מסויים והרי הוא כאילו לא אמר כלום עד שיאמר בצפונו או

בדרומו

---

עד שלא תרם בטל) אוב ער הט מבטל געוועזן די שליחות איידער יענער הט אפ געשייט די תרומה [נאר דר שליח הט ניט געוואסט דר פון אונ האט דר נייל אפ געשייט תרומה (אין תרומתו תרומה) איז די תרומה ניט קיין תרומה (ואם משתרם) אונ אוב דר נאך ווי ער האט שון אפ געשייט די תרומה [נאר דר בעל הבית הט ניט געוואסט אז ער הט שון אפ געשייט] (בטל תרומתו תרומה) הט ער מבטל געוועזן די שליחות. איז דיא תרומה גוטע תרומה (הפועלים אין להם רשות לתרום) ארבייטר האבן ניט קיין רשות אליין אפ צו שיידן תרומה פון דעם זם זיי ארבייטן (חוץ מן הדרוכות) נאר אז איין עם הארץ הט גדונגן פועלים לוטרים זיי זאלן טרעטן ווייטרויבן מעגן זיי אפ שיידן תרומה בטהרה אן דעם רשות פון בעל הבית. איידר דר בעל הבית [וואס ער איז איין עם הארץ] ווערט קומן (שהן מטמאים את הגת מיד) ווארום דר בעל הבית באלד ווי ער קומט צום קעלטר ווערט איז ער אים מטמא ווייל ער רעכינט דיא פועלים האבן געווים באלד ווי זייא האבן גיטרעטן אפ געשייט תרומה ווארום פון הסתם הט ער דאריבר גדונגן פועלים לוטרים כדי די תרומה זאל זיין טהור אין גליך ווי ער וואלט זיי געגעבן רשות אפ צו שיידן תרומה: ה (האומר תרומת הכרי זה בתוכו) ווען איינר זאגט די תרומה פון דעם כרי בארג תבואה זאל זיין אין דעם כרי (ומעשרותיו בתוכו) אונ די מעשרות פון דעם כרי זאל אויך זיין אין דעם כרי (תרומת מעשר זה בתוכו) אונ די תרומת מעשר וואס מען דארף געבן פון די מעשר זאל אויך זיין אין דעם כרי (רבי שמעון אומר קרא שם) זאגט רבי שמעון ער הט גרופן איין נאמן [דס הייסט דיא תבואה פון מיטן כרי איז געווארן תרומה אונ מעשר אונ תרומת מעשר. ווארום אז ער זאגט אין כרי איז גליך ווי ער וואלט זאגן אין מיטן כרי הט ער דאך בעצייכנט וועלכע עס זאל זיין תרומה אונ מעשר אונ תרומת מעשר אונ וועלכע עס איז די איבריגע (וחכמים אומרים עד שיאמר בצפונו או בדרומו) אונ דיא חכמים זאגן עס ווערט אנדערש ניט קיין תרומה אונ מעשר ביז ער זאגט די תרומה זאל זיין אין דעם כרי אין צפון זייט [אדר אין איין אנדר זייט] אונ דיא מעשר זאל זיין אין דרום זייט [אדר אין איין אנדר זייט] ער זאל בעצייכנן

ר׳אליעזר הסמא אומר האומר תרומת הכרי ממנו עליו קרא שם • ראב״י אומר האומר עשור מעשר זה עשוי תרומת מעשר עליו • קרא שם : ו המקדים תרומה לבכורים מעשר ראשון להתרומה ומעשר שני לראשון. אע״פ שהוא עובר בלא תעשה מה שעש׳ עשוי שנא׳ (שמות כ״ב) מלאתך ודמעך לא תאחר : ז ומנין שיקדמו הבכורים לתרומה זה קרוי תרומה וראשית • וזה קרוי תרומה וראשית אלא יקדמו בכורים לכל שהן בכורים לכל . ותרומה לראשון שהוא ראשי׳

ומעשר

נדרוהו וכן כל׳ : תרומת הכרי ממנו עליו קרא שם . דלא בעינן שיריה ניכרים: עשור מעשר זה וכו׳ • ר״א בן יעקב פליג אר׳ שמעון דאמר תרומת מעשר זה בתוך הכרי קרא שם וקאמר דתרומת מעשר זה בתוכו קודש בסופרם שמעשר לא קרא שם אבל לאחר שהופרש המעשר אם אמר תרומ׳ מעשר עליו קרא שם ולית הלכתא כחד מינייהו אלא כחכמים בלבד : ו שנאמר מלאתך ודמעך לא תאחר . ה״ק אע״פ שהוא עובר בל״ת : שנאמר מלאתך

ודמעך לא תאחר . אעפ״כ מה שעשה עשוי מלאתך אלו הבכורים שמתמלאים בבכור ודמעך זו תרומה ומעשר ראשון נמי יש בו תרומת מעשר . לא תאחר לא תשנה הסדר : ז זה קרוי תרומה וראשית . בכורים קרויין תרומה דא״מ ותרומת ידך (דברים יב) אלו בכורים דכתיב בהו (שם כו) ולקח הכהן הטנא מידך וקרויין ראשית בכורי אדמתך (שמות כ״ג) תרומה קרוי תרומה את משמרת תרומותי (במדבר יח) וקרויה ראשית דגנך (דברים יח): בכורים שהן

בכורים

בפירוש אין וועלכן ארט איז די מעשר אונ אין וועלכן ארט איז דיא תרומה (רבי אליעזר חסמא אומר האומר תרומת הכרי ממנו עליו קרא שם) רבי אליעזר חסמא זאגט ווען איינער זאגט די תרומה [אונ מעשר] וואס מען דארף געבן פון דעם כרי זאל זיין פון דעם כרי איף דעם כרי . איז עס שון תרומה אונ מעשר (רבי אליעזר בן יעקב אומר) רבי אליעזר בן יעקב קריגט אויף רבי שמעון ניט אזו וויא רבי שמעון זאגט אז ער קען זאגן אין איין מאהל אז תרומה אונ מעשר אונ תרומת מעשר זאלן זיין אין דעם כרי . זאגט רבי אליעזר בן יעקב אז נאר תרומה אונ מעשר מעג ער זאגן אוף דעם כרי אבר תרומת מעשר קען ער אנדרש ניט זאגן ביז ער האט שון אפ געשייט מעשר . אונ (האומר עשור מעשר זה עשוי תרומת מעשר עליו) אז ער זאגט דר נאך אצענטיל פון דיא מעשר זאל זיין תרומת מעשר (קרא שם) הט ער שון גרופן איין נאמן [דם הייסט איז שון אין די מעשר דא די תרומת מעשר]:
ו (המקדים תרומה לבכורים) ווען איינר גיט תרומה פאר בכורים. מעשר ראשון (לתרומה) פאר תרומה. מעשר שני (לראשון) פר מעשר ראשון (אף על פי שהוא עובר בלא תעשה מה שעשה עשוי) חאטשי ער איז עובר איין לאו (שנאמר מלאתך ודמעך לא תאחר) וואראם עס שטייט מלאתך [דיינע בכורים] ודמעך [דיינע תרומה אונ מעשר] לא תאחר [זאלסטו ניט פאר שפעטיגן צו געבן]. שטייט דאך פריער בכורים אונ דר נאך תרומה אונ מעשר. פון דעסטוועגן אפילו ער הט ניט געגעבן בסדר איז ער אוך יוצא : ז (ומנין שיקדמו הבכורים לתרומה) אונ פון וואנען ווייס מען אז בכורים זאל. מען געבן פריער פאר תרומה (זה קרוי תרומה וראשית) בכורים ווערט גרופן תרומה אונ ראשית (וזה קרוי תרומה וראשית) אונ תרומה ווערט גרופן תרומה אונ ראשית (אלא יקדימו בכורים לכל) נאר בכורים דארף מען פריער פר אלץ (שהן בכורים לכל) וויל דר ווארט בכורים איז דר טייטש פריא. אזוי ווי די שטייען פריער אין דר תורה. (ותרומה לראשון שהוא ראשית) אונ תרומה דארף מען

**בכורים לכל.** לשון בכורים דריש לכך קריינהו רחמנא בכורים. אי נמי משום דכתיבי בפרשה כי השה עד אלא נלמוד על התרומות: **שיש בו ראשית.** דבמעשר ראשון יש בו תרומת מעשר והתרומה קרויה ראשית, לפיכך דין הוא שיקדים ראשון לשני: **ח עד שיהיו פיו ולבו שוין.** דכתיב (שם כג) מוצא שפתיך תשמור וכתיב (שמות לה) כל נדיב לב הא כיצד בעינן גומר בלבו ומוציא בשפתיו: **ט הנכרי והכותי תרומתן תרומה.** אם הפרישו תרומה מן התבואה שלהן אבל אם תרם הנכרי משל ישראל בשליחותו אין תרומתו תרומה כדדרשינן מכן תרימו גם אתם (במדבר יח) מה אתם בני ברית אף שלוחכם בני ברית: **וחכ"א יש לו.** והלכה כחכמים: **תרומת הנכרי מדמעת.** אם נפלה לפחות ממאה נעשה הכל

ומעשר ראשון לשני · שיש בו ראשית : **ח** המתכוון לומר תרומה ואמר מעשר · מעשר ואמר תרומ' · עולה ואמר שלמים . שלמים ואמר עולה · שאיני נכנס לבית זה ואמר לזה . שאיני נהנה לזה ואמר לזה · לא אמר כלום עד שיהיו פיו ולבו שוין : **ט** הנכרי והכותי תרומתן תרומה ומעשרותן מעשר והקדשן הקדש · רבי יהודה אומר אין לנכרי כרם רבעי · וחכ"א יש לו · תרומת הנכרי

---

פריער פר מעשר ראשון נוייל תרומה הייסט ראשית . דארף זיא זיין צו ערשט אונ דר נאך מעשר ראשון (ומעשר ראשון לשני) אונ מעשר ראשון דארף זיין פריער פר מעשר שני (שיש בו ראשית) נוייל אין מעשר ראשון איז דא תרומת מעשר אונ תרומה ווערט דאך גרופן ראשית . דאריבר דארף זיא זיין פאר מעשר שני: **ח** (המתכוין לומר תרומה) ווען איינר האט גוואלט זאגן דס זאל זיין תרומה (ואמר מעשר) אונ עס הט זיך איהם ארוס גרעט מעשר (מעשר ואמר תרומה) אדר ער האט גוואלט זאגן דאס זאל זיין מעשר אונ עס האט זיך איהם ארוס גרעט תרומה (עולה ואמר שלמים) אדר ער הט גוואלט זאגן די בהמה זאל זיין איין עולה . אונ עס האט זיך איהם ארוס גרעט שלמים (שלמים ואמר עולה) אדר ער האט גוואלט זאגן זיא זאל זיין שלמים . אונ עס הט זיך איהם ארוס גרעט עולה (שאיני נכנס לבית זה) אדר ער האט גוואלט זאגן איך טוה הנדר איך זאל ניט אריין גיין אין דר שטוב (ואמר לזה) אונ עס הט זיך איהם ארוס גרעט [אוף איין אנדר שטוב] אין דר שטוב (שאיני נהנה לזה) אדר ער הט גוואלט זאגן איך טוה הנדר איך זאל קיין הנאה ניט האבן פון דעם מענטשן (ואמר לזה) אונ עס הט זיך איהם ארוס גרעט אוף איין אנדרן פון דעם מענטשן (לא אמר כלום) איז דס וס ער הט גזאגט גאר נישט (עד שיהיו פיו ולבו שוין) ביידין זיין מול מיט זיין הארץ זאלן זיין גליך . ער זאל זאגן אזו וויא ער מיינט: **ט** (העכו"ם) איין עובד כוכבים (והכותי) אונ איין כותי אז זיי האבן גגעבן תרומה אונ מעשר פון זייערע תבואה . (תרומתן תרומה) איז דיס גוטע תרומה (ומעשרותן מעשר) אונ גוטי מעשר (והקדשן הקדש) אונ אז זיי האבן מקדיש געוען איז גוטי הקדש (רבי יהודה אומר אין לנכרי כרם רבעי) רבי יהודה זאגט אוב דר עובד כוכבים הט גפלאנצט אויין גארטן איז ביי די פירות פון פערטן יאהר נאך דעם פלאנצן ניט נוהג דר דין רבעי אזו וויא ביי איין ישראל . (והחכמים אומרים יש לו) אונ די חכמים זאגן עס איז נוהג ביי זיי דר דין רבעי : (תרומת הנכרי מדמעת) די תרומה פון איין עובד כוכבים אוב זי איז צו מישט געווארן אין חולין וואס די חולין איז ווייניגר פון הונדערט מאהל אזו פיל ווי דיא

בכל מדומע ואסור לזרים: וחייבין עליה חומש. זר שאכלה בשגגה משלם קרן וחומש: ור"ש פוטר. מחומש הכל מודה שהוא מדמעת ואין הלכה כר"ש:

הנכרי מדמעת וחייבים עליה חומש• ורבי שמעון פוטר:

## פרק ד

המפריש מקצת התרומה ומעשרו' מוציא ממנו תרומה עליו אבל לא (ס"א למקום) ממקום אחר. רבי מאיר אומר אף מוציא הוא (ס"א למקום) ממקו' אחר תרומה ומעשרות: ב מי שהיו פירותיו במגורה. ונתן סאה לבן לוי • וסאה לעני • מפריש עד שמונה סאין ואוכלן דברי ר' מאיר • וחכמים

המפריש מקצת תרומה ומעשרות. כגון שהיה לו מאה סאין טבל והוציא מהן סאה תרומה ובדעתו להפריש עדיין האחר חוזר ומוציא מאותו הכרי עצמו עד שישלים שני סאין כשיעור התרומה דהטבל הוא שישלה בידו ולא מה שכבר מתוקן: אבל לא למקום אחר. אם יש לו מאה סאין אחרים של טבל אינו יכול להפריש עליהן מאלו שהוציא מקלת תרומתן. דלגבי אחרים הוינן דלמא מן המתוקן הוא מוציא עליהן ולא מן הטבל הזה ור"מ סבר אף למקום אחר ואין הלכה כר"מ: ב במגורה. באוצר כדכתיב (חגי ב) העוד הזרע במגורה: ונתן סאה לבן לוי. מתני' איירי בפועל חבר הבא לסעוד אצל בעל הבית והיינו מאמינו על המעשרו' ורואה הפועל את בעל הבית נותן ממגורתו סאה לבן לוי וסאה לעני. ר"מ אומר דאותו פועל יכול לאכול מן המגורה שמונה סאה דמסתמא בתורת מעשר ראשון נתן ללוי ובתורת מעשר עני נתן לעני והרי יש כאן ח' סאים מתוקנים ומעט יותר. ואע"פ שלא ראהו מפריש תרומה גדולה לא נחשדו עמי

הארץ

ישכחו יתנו לתוך פיהם) ארעמע ישראלים טארן ניט קלויבן ווייל טאמר בשעת זיי ווערן קלייבן וועלן זיי פר געסן אז דס איז תרומה אונ זיי וועלן עסן דר פון . דאריבר זאלין נאר קלויבן ארמע כהנים (אמר לו רבי עקיבא אם כן לא ילקטו אלא טהורים) הט רבי עקיבא גזאגט צו רבי טרפון אוב דו האסט מורא טאמר וועלן זיי עסן בשעת זיי וועלן קלויבן זאלן נאר קלויבן כהנים וואס זענען טהור אבר ניט כהנים וואס זענען טמא. ווארום הכהן טמא טאר ניט עסן קיין תרומה. אבר בשעת ער וועט נעמן די לקט שכחה ופאה וועט ער עסן דר פון: ג (וחייבת במעשרות ובמעשר עני) אונ וואס עס וואקסט אויף פון די תרומה דארף מען דר פון געבן מעשרות צום צווי אונ מעשר עני (ועניי ישראל ועניי כהנים נוטלים) אונ ארמע ישראלים אונ ארמע כהנים נעמן די מעשר עני (ועניי ישראל מוכרים את שלהם לכהנים בדמי תרומה והדמים שלהם) אונ די ארעמע ישראלים פר קויפן זייערע מעשר עני צו די כהנים וואלוויל אזוי ווי מען נעמט פר תרומה. אונ דס געלט נעמן זיי פר זיך. אונ די לוים מוזן זייערע מעשר אויך פר קויפן צום כהן (החובט מ׳ ובח) דר וואס קלאפט די תבואה מיט שטעקנס די קערנר זאלן ארויס פאלן פון די זאנגן. איז ער גלויבט. ווארום אז ער וועט דרעשן די תבואה מיט הבהמה וועט ער דאך איר מוזן לאזן עסן פון די תבואה אזוי ווי עס שטייט אין דר תורה לא תחסום שור בדישו ודו זאלסט ניט צו מאכן די מול פון הבהמה ווען זי דרעשט) אונ הבהמה טאר ניט עסן קיין תרומה ביידין זיא איז הבהמה פון הכהן (והדש כיצד יעשה) אונ דר וואס דרעשט מיט בהמות ווי זאל ער טאן (תולה כפיפות בצוארי בהמה) ער זאל אויף איינגען אקארב אויף דעם האלז פון דר בהמה (ונותן לתוכן מאותו המין) אונ ער זאל אין די קארב אריין געבן פון חולין דעם זעלביגן מין וואס די בהמה דרעשט (נמצא לא זומם את הבהמה ולא מאכיל את התרומה) וועט דאך זיין ניט ער וועט פר מאכן די מול פון דר בהמה בשעת זיא דרעשט (ווארום זי עסט דאך פון דעם זעלביגן מין) אונ ניט זי וועט עסן תרומה ווארום ער ניט דאך איר תולין: ד (גדולי תרומה תרומה) אז מען פר זייט תרומה דאס וואס עס



וואקסט

תרומה תרומה · וגדולי גדולין חולין · אבל הטבל ומעשר ראשון וספיחי שביעית · ותרומת חוצה לארץ והמדומע והבכורים · גדוליהן חולין · גדולי הקדש ומעשר שני חולין · ופודה אותם בזמן זרעם : **ה** מאה לגנה של תרומה · ואחת של חולין · כולן מותרין בדבר שזרעו כלה · אבל בדבר שאין זרעו כלה · אפילו מאה של חולין · ואחד של תרומה כולן אסורין

נזו שיהיו גדולי תרומה כתרומה : **וגדולי גדולין חולין**. אם חזר וזרע אותן גדולין גדוליהן חולין : **הטבל** . גדוליו חולין משום דרובו חולין: **ומעשר ראשון** . נמי משום דרובו חולין: **וספיחי שביעית** . לפי שאינן מלויין ואינן נוהגים בכל שנה : **ותרומת חוצה לארץ** . נמי לפי שאינה מצויה : **והמדומע** . שרובו חולין: **ובבכורים**. שאינן מלוין [שאין] נוהגים אלא בשבעת המינים : **גדולי הקדש ומעשר שני חולין** . שאם זרע מהן סאה אחת והוסיף כמה סאה . חולין . אף בדבר שאין זרעו כלה : **ופודה אותם בזמן זרעם** פודה כל האוכל בדמי אותה סאה: **ה מאה לגנה של תרומה**. שדה שמזרעה ערוגות ערוגות ויש בה מאה ערוגות של תרומה וא׳ של חולין ולא ידיע

סי

וואקסט ־וף פון די תרומה איז אויך תרומה (וגדולי גדולין חולין) אבער אז ער האט פר זייט דס
וואס עס איז אוף גוואקסן פון תרומה דס איז חולין (אבל הטבל) אבר אז ער האט פר זייט טבל
(ומעשר ראשון) אדר מעשר ראשון . דס וואס עס וואקסט פון זיי איז חולין . האטשי אין טבל
איז דאך דא תרומה אונ אין מעשר איז דא תרומת מעשר . נאר ווייל די חולין פון דיא טבל
איז מער ווי די תרומה אונ די מעשר איז מער ווי די תרומת מעשר ווערן די תרומה אונ
תרומת מעשר בטל ברוב . אונ דס וואס עס וואקסט פון זיי איז חולין (וספיחי שביעית) אונ
די ווידר וואקסונג פון שביעית אז מען האט זיי פר זייט . איז דס וואס עס וואקסט דר פון איז
ניט נוהג דער דין פון שביעית . ווייל דס איז נאר אמאהל אין זיבן יאהר האבן די חכמים ניט
גוזר גווען אז דס וואס עס וואקסט פון די ווידר וואקסונג זאלן האבן דעם דין שביעית :
(ותרומת חוצה לארץ) תרומה פון תבואה וואס וואקסט אין חוצה לארץ אז מען האט פר זייט
ווייל עס איז דא ווייניג מענטשן וואס גיבן תרומה אין חוצה לארץ דאריבר האבן די חכמים ניט
גוזר גווען אז דס וואס עס וואקסט פון די תרומה זאל אויך זיין תרומה . נאר זייא זענן חולין :
(והמדומע) אז עס איז צו מישט גווארן תרומה מיט חולין אונ מען האט זיי פר זייט . ווייל דס
מערסטי איז חולין דאריבר איז דס וואס עס וואקסט דר פון אויך חולין (והבכורים) אונ אז מען
האט פר זייט בכורים (גדוליהן חולין) דס וואס עס וואקסט פון זיי איז חולין : (גדולי הקדש ומעשר
שני חולין) אז ער האט פר זייט הקדש אדר מעשר שני . דס וואס עס וואקסט פון זיי איז
חולין) . (ופודה אותם בזמן זרעם) אונ ער לייזט אויס די גאנצע הקדש אדר מעשר שני וואס
עס איז אוף גוואקסן מיט דעם געלט וואס עס איז ווערט גווען די איין כאה וואס ער האט פר זייט
בשעת ער האט פר זייט (ועיין בשנ"א) : **ה** (מאה לגנה של תרומה ואחת של חולין) אוב אין
אפעיד איז פר זייט גווארן הונדערט בייטן תרומה אונ איין בייט חולין אונ מען ווייס ניט וועלכע איז
די תרומה אונ וועלכע איז די חולין (כולן מותרין בדבר שזרעו כלה) זענן אלע בייטן מותר .
דס איז נאר אוב די תרומה איז פון אזעלכי תבואה וואס די קערנר ווערן פרפולט אין דר
ערד איידר עס וואקסט דר פון (אבל בדבר שאין זרעו כלה) אבער אז די תרומה איז פון
אזעלכי תבואה וואס ווערן ניט פרפולט (אפילו מאה של חולין ואחד של תרומה כולן אסורין

אסורין : ו הטבל גדוליו מותרין · בדבר שזרעו כלה · אבל בדבר שאין זרעו כלה · גדולי גדולין אסורין · איזהו דבר שאין זרעו כלה · כגון הלוף והשום והבצלים · רי"א השום (נ"א כשעורה) כשעורים : ז המנכש עם הנכרי בחסיות אע"פ שפירותיו טבל · אוכל מהם עראי · שתילי תרומה שנטמאו · שתלן טהרו מלטמא ואסורין

הי דחולין כולן מותרים קולא הוא שהקילו בגדולי תרומה דערוגה אחת של חולין מתרת ערוגות רבות בדבר שזרעו כלה אבל בדבר שאין זרעו כלה אחת של תרומה אוסרת מאה של חולין לפי שאין הקרקע עולה באחת ומאה : ו הטבל גדוליו מותרים. באכילת עראי. כשאכל טבל שלא נגמרה מלאכתו : בדבר שזרעו כלה. השתא מפרש תנא למלתיה דתנן לעיל הטבל גדוליו חולין לא הויא אלא בדבר שזרעו כלה. אבל בדבר שאין זרעו כלה אפילו גדולי גדולין אסורים באכילת עראי : השם כשעורה. כלומר השום חשוב זרעו כלה כמו השעורה ונקט שעורה לפי שאין בתבואות דבר שיהיה זרעו כלה ונאבד מהרה כמו השעורה. פירוש אחר השום שהוא גדול כשעורה אין זרעו כלה אבל פחות מכשעורה זרעו כלה ואין הלכה כרבי יהודה : ז המנכש. תולש עשבים רעים הגדלים בתוך התבואה וסירקות : בחסיות. כגון השום והלוף והבצלים והכרתי. כל אלו נקראים חסיות : אע"פ שפירותיו. של נכרי טבל דסבר האי תנא אין קנין לנכרי בארץ ישראל להפקיע מן המעשר וגדולי טבל טבל בדבר שאין זרעו כלה. אפי' הכי אוכל מהן עראי : שתילי תרומה. כגון שתילי כרוב וכרתין שנטמאו: שתלן טהרו מלטמא. דכיון שנתחברו לקרקע נתבטלו מתורת אוכל. וא"ת כיון דעיקר גזירה גדולי תרומה כתרומה ליכא אלא משום תרומה טמאה ביד כהן דלמא משהי לה גביה ואתי לידי תקלה אכתי כיון דטהרו משהי לה גביה. וי"ל דתרומה נמכרת בזול הרבה לפי שאינה ראויה אלא לכהנים טהורים ואם נטמאת טעונה שרפה הלכך אפילו אם היו נותנים לכהן תרומה כדי לזרעה לא היה

נ"ל

---

אֲפִילוּ הוּנְדֶרְט בֵּייטְן זֶענֶן פַר זַייט מִיט חוּלִין אוּנ אֵיין בֵּייט מִיט תְּרוּמָה אוּנ מֶען וֵוייס נִיט וֶועלְכֶר בֵּייט אִיז חוּלִין אוּנ וֶועלְכֶר אִיז תְּרוּמָה זֶענֶן אַלִי אָסוּר : ו (הַטֶּבֶל גְּדוּלָיו מוּתָּרִין) תְּבוּאָה וָוס מֶען הָט נִיט אָפּ גְשֵׁייט דֶר פוּן קֵיין תְּרוּמָה הֵייסְט טֶבֶל אוּנ אוֹב מֶען הָט דִי טֶבֶל פַר זַייט דָס וָוס עֶס וַואקְסְט אוֹיף פוּן דִי טֶבֶל אִיז מוּתָּר (בְּדָבָר שֶׁזַּרְעוֹ כָּלֶה) דָס אִיז נָאר בַּיי אַזֶעלְכִי תְּבוּאָה וָוס זֵיי וֶוערְן פַרְפוֹילְט אֵיידֶר עֶס וַואקְסְט פוּן זֵיי. (אֲבָל בְּדָבָר שֶׁאֵין זַרְעוֹ כָּלֶה גְּדוּלֵי גְדוּלִין אֲסוּרִין) אָבֶּר דִי טֶבֶל וָוס זֶענֶן פוּן אַזֶעלְכִי תְּבוּאָה וָוס וֶוערְן נִיט פַרְפוֹילְט אִיז דָס וָוס עֶס וַואקְסְט אוֹיף אָסוּר. אוּנ אַז עֶר הָט פַר זַייט דָס וָוס עֶס אִיז אוֹיף גְוַואקְסְן פוּן דִי טֶבֶל אוּנ עֶס אִיז נָאךְ אַמָאהְל אוֹיף גְוַואקְסְן אִיז אוֹיךְ אָסוּר. (אֵיזֶהוּ דָבָר שֶׁאֵין זַרְעוֹ כָּלֶה) וָוס זֶענֶן דִי זַאכְן וָוס וֶוערְן נִיט פַרְפוֹילְט אֵיידֶער עֶס וַואקְסְט פוּן זֵיי דְהַיְינוּ הַלּוּף וְהַשּׁוּם (קְנָאבּוֹל) וְהַבְּצָלִים (צִיבֶּעלִי). רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט שׁוּם (כִּשְׂעוֹרִים) קְנָאבּוֹל זֶענֶן אַזוֹ ווי גֶערְשְׁטְן וָוס זֵייא וֶוערְן גְשְׁווִינְד פַרְפוֹילְט. ז (הַמְנַכֵּשׁ עִם הַנָּכְרִי בְּחַסִּיּוֹת אַף עַל פִּי שֶׁפֵּירוֹתָיו טֶבֶל אוֹכֵל מֵהֶם עַרַאי) מְנַכֵּשׁ הֵייסְט מֶען רַייסְט אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטִי גְרָאז וָוס וַואקְסְט צְווִישְׁן תְּבוּאָה אָדֶר יְרָקוֹת. זָאגְט דִי מִשְׁנָה אוֹב הַיִשְׂרָאֵל הָט גְהָאלְפְן אֵיין עַכּוּ"ם אוֹם צוּ רֵייסְן דִי שְׁלֶעכְטִי גְרָאז וָוס אִיז גְוַואקְסְן צְווִישְׁן זַיינֶע חַסִּיּוֹת (דָס אִיז קְנָאבּוֹל צִיבֶּעלֶע לוּף כְּרֵתִי). חָאטְשֶׁי דִי חַסִּיּוֹת פוּן עוֹבְדֵי כוֹכָבִים זֶענֶן אוֹיף גְוַואקְסְן פוּן טֶבֶל. פוּן דֶעסְטְוֶועגְן מֶעג דֶר יִשְׂרָאֵל עֶסְן אַבִּיסֶל תַּמִּיהּ. נָאר נִיט קֵיין גַאנְצֵי סְעוּדָה. (שְׁתִילֵי תְּרוּמָה שֶׁנִּטְמְאוּ שְׁתָלָן טָהֲרוּ מִלְּטַמֵּא) פְלַאנְצוּנְגֶן פוּן תְּרוּמָה



וואס

ואסורין מלאכול · עד שיגום את האוכל · רבי יהודה אומר עד שיגום וישנה:

פרק י **בצל** שנתנו בתוך עדשים · אם שלם מותר . ואם חתכו בנותן טעם . ושאר כל התבשיל בין שלם בין מהותך בנותן טעם . ר' יהודה מתיר בצחנה · שאינו אלא

ליטול

[נ"ל מפסיד] מבטל שדהו אבל אם היו הגדולין חולין הי' מפסח תרומה עמהם כדי לזרעם: ואסורים לאכול. מעלה בעלמא היא: עד שיגום האוכל. יחתוך כל הראוי לאכילה ומה שיגדל אח"כ יהא מותר: עד שיגום וישנה. שיחתוך מה שגדל גם בפעם השניה. ומה שיגדל משני ואילך יהיה מותר ואין הלכה כר' יהודה: פ"י **בצל** שנתנו לתוך עדשים [של חולין] וה"ה בצל של תרומה שנתנו לתוך עדשים. [טעות המעתיק יש כאן וכצ"ל: בצל שנתנו לתוך עדשים. בצל של תרומה שנתנו לתוך עדשים של חולין] (וה"ה לבצל של חולין וכו') והוא הדין לבצל של חולין שנתנו לתוך עדשים של תרומה. ומיירי כגון שנתנו בעדשים אחר בשולו ואלו ממנו מימיו. שאז אין הבצל כשהוא שלם פולט בעדשים ולא בולע מהם אבל אם נתבשל הבצל בעדשים פשיטא דיהיב ובלע מטעמא. אף כשהוא שלם: בנותן טעם. דטעים להו כהן שמותר בחולין ובתרומה אי אית בהו טעמא דתרומה הכל אסור לזרים. ואי לא הכל חולין כשהיה: ושאר כל תבשיל. כגון שום וקפלוט וכיוצא בהן: מתיר בצחנה. אם נתן בצל של תרומה בצחנה שהם דגים קטנים הכבושים בציר נוטל את הבצל והצחנה מותר. ובלבד שיהיה הבצל שלם. שלא נימוח ולא נתערב עם הצחנה. שאין הבצל ניתן לתוכו אלא

להעביר

---

ווּס זֶענֶן טְמֵא גְוואָרְן אֵיידֶר מֶען הָט זֵיי אֵיין גְפְלאַנְצְט אוּנ דֶר נאָךְ הָט עֶר זֵיי אֵיין גְפְלאַנְצְט · זֶענֶן זֵיי טָהוֹר גְוואָרְן (ווייל זֵיי זֶענֶן גְוֶועןְ אֵיין גְפְלַאנְצְט אִין דֶר עֶרְד) אַז זֵיי קֶענֶן שׁוֹן נִיט מְטַמֵא זַיין (וַאֲסוּרִים מִלֶאֱכוֹל) נאָר מֶען טאָר זֵיי נִיט עֶסְן · (עַד שֶׁיָגוֹם אֶת הָאוֹכֶל) בִּיז עֶר זאָל אָפּ האַקְן פוּן דִי פְלַאנְצוּנְגֶען ווּס מֶען קֶען אִיצְט עֶסְן · אוּנ דָאס ווּס עֶס וֶועט דֶערְנאָךְ אוֹיף וואַקְסֶן וֶועט עֶר מֶעגְן עֶסְן · רַבִּי יְהוּדָה זאָגְט (עַד שֶׁיָגוֹם וְיִשְׁנֶה) דָס ווּס עֶס וֶועט אוֹיף וואַקְסֶן דֶעם עֶרְשְׁטְן מאָהְל מוּז עֶר אוֹיךְ אָפּ האַקְן אוּנ טאָר נִיט עֶסְן · נאָר דָס ווּס עֶס וֶועט וואַקְסֶן דֶעם אַנְדֶערְן מאָהְל מֶעג עֶר עֶסְן:

פרק י (בָּצָל שֶׁנְתָנוֹ לְתוֹךְ עֲדָשִׁים) ווֶען אֵיינֶר הָט אַרֵיין גְלֵייגְט אַצִיבֶּעלֶע פוּן תְּרוּמָה ווּס זִיא אִיז שׁוֹן גְוֶועןְ גְקאָכְט] אִין אַרְבֶּעס פוּן חוּלִין. אִיז דֶר דִין (אִם שָׁלֵם מוּתָּר) אוֹב דִי צִיבֶּעלֶע אִיז גְוֶועןְ גַאנְץ [נִיט צוּ שְׁנִיטְן] אוּנ צוּקאָכְט אִיז זִיא אוֹיךְ גְוֶועןְ פְרִיעֶר . גִיט זִיא שׁוֹן נִיט קֵיין טַעַם אִין דִי אַרְבֶּעס פוּן חוּלִין · אִיז מוּתָּר (וְאִם חִתְּכוֹ בְּנוֹתֵן טַעַם) אוּנ אוֹב זִיא אִיז גְוֶועןְ צוּ שְׁנִיטְן · אוֹב עֶס אִיז דָא אִין דִי אַרְבֶּעס אַטַעַם פוּן דִי צִיבֶּלֶע אִיז אָסוּר (וּשְׁאָר כָּל הַתַּבְשִׁיל בֵּין שָׁלֵם בֵּין מְחוּתָּךְ בְּנוֹתֵן טַעַם) אוּנ אַנְדֶרֶע גְקֶעכְץ נִיט קֵיין אַרְבֶּעס סַיי דִיא צִיבֶּלֶע אִיז גְוֶועןְ גַאנְץ אוּנ סַיי זִי אִיז גְוֶועןְ צוּ שְׁנִיטְן אוֹב זִיא גִיט הַטַעַם אִין דִי גְקֶעכְץ אִיז אָסוּר (רַבִּי יְהוּדָה מַתִּיר בְּצַחֲנָה) רַבִּי יְהוּדָה זאָגְט אוֹב מֶען הָט אַרֵיין גְטאָהְן אַגַאנְצֶע צִיבֶּעלֶע פוּן תְּרוּמָה אִין צַחֲנָה [דָס אִיז קְלֵיינֶע פִישׁ אֵיין גְלֵייגְט אִין עֶסִיג] זאָל עֶר אַרוֹס נֶעמֶן דִי צִיבֶּעלֶע אוּנ דִי צַחֲנָה אִיז מוּתָּר (שֶׁאֵינוֹ אֶלָּא לִיטוֹל אֶת הַזוּהֲמָא) ווארוּם דִי צִיבֶּלֶע נֶעמְט נאָר אַרוֹס דֶעם שְׁלֶעכְטְן גְשְׁמאַק פוּן דִי צַחֲנָה אָבֶּר זִיא גִיט נִיט קֵיין טַעַם אִין דִיא



צהנה

לטביר זוהמת הדגים. ולא כדי ליתן בו טעם ואין הלכה כרבי יהודה: ב תפוח. של תרומה שרסקו ונתנו כעסה מרוסק ונתנו לתוך העיסה וחמצה הואיל וחולין מחמת התרומה נתחמצה העיסה אסורה לזרים: אע״פ שהבאישו. מחמת השעורים של תרומה מימיו מותרים: ג הרודה. הוצאת הפת מן התנור נקראת רדייה: ונתנה ע״פ חבית של יין של תרומה. דהפת חמה קולטת ומושכת ריח היין: ר״מ אוסר. דסבר ריחא מילתא היא: רבי יהודה מתיר דסבר ריחא לאו מילתא היא: מפני שהשעורים שואבות. מושכות מלחלוחית יין של תרומה והלכה כרבי יוסי: ד אלא ריח כמון. דדוקא ריח של (פטוס) [כמון] נכנס לתוך הפת וריחא לאו מלתא היא בין בתרומה בין בכל איסורין שבתורה ולאו משום דהוסק התנור בתרומה אין איסורה איסור הנאה: ה תלתן. בערבי חולב״א ובלע״ז פינגריג׳ו

ליטול את הזוהמא: ב תפוח שרסקו ונתנו לתוך עיסה וחמצה · הרי זו אסורה. שעורים שנפלו לתוך הבור של מים. אע״פ שהבאישו מימיו (ס״א ל״ג) מימיו מותרין: ג הרודה פת חמה ונתנה על פי חבית של יין של תרומה · ר׳ מאיר אוסר · ורבי יהודה מתיר · רבי יוסי מתיר בשל חטים · ואוסר בשל שעורים. מפני שהשעורים שואבות: ד התנור שהסיקו בכמון של תרומה ואפה בו. הפת מותרת · שאין טעם כמון אלא ריח כמון: ה תלתן שנפלה לתוך הבור של יין בתרומה בכעשר

---

צחנה: ב (תפוח שרסקו) איין עפיל פון תרומה וואס מען האט איהם צו ריבן (ונתנו לתוך עיסה) אונ אריין גלייגט אין טייג פון חולין (וחמצה) אונ די טייג איז זויער גווארן פון דעם עפיל (הרי זו אסורה) איז דיא טייג אסור צו הישראל (שעורים שנפלו לתוך הבור של מים) גערשטן פון תרומה וואס זענן אריין גפאלן אין איין ברונן וואסר (אף על פי שהבאישו מימיו מותרין) אפילו די וואסר איז שלעכט גוואהרן פון די גערשטן. פון דעסטוועגן מעג הישראל טרינקן די וואסר. וואהרום ווען איז אסור אז תרומה גיט אטעם אין חולין נאר אז דיא תרומה פר בעסערט די חולין (נותן טעם לשבח) אבער אז דיא תרומה מאכט ערגר די חולין (נותן טעם לפגם) ווערן די חולין נים אסור: ג (הרודה פת חמה ונתנה על פי חביות של יין של תרומה רבי מאיר אוסר) ווען איינר האט ארוס גנומן ווארמע ברוט פון חולין אונ האט זי גלייגט אויף איין אפנע פאס וויין פון התרומה. נעמט דאך די ברוט אין זיך דעם ריח פון די וויין. זאגט רבי מאיר אז די ברוט איז אסור צו אישראל ווארום דער ריח פון איין איסור איז גלייך ווי דר איסור (ורבי יהודה מתיר) אונ רבי יהודה זאגט די ברוט איז מותר צו אישראל ווארום דער ריח פון איסור אסרת נים. רבי יוסי איז מתיר (בשל חטים) ביי ווייצענע ברוט ווארום זיא האט נאר אין זיך דעם ריח אונ דער ריח אסרת נים. (ואוסר בשל שעורים מפני שהשעורים שואבות) אונ אסרת ביי גערשטענע ברוט. ווארום גערשטן ברוט ציהט אין זיך די פיטבתקיט פון די וויין (עס הייסט די וויין ווערט אביסל אריין גצויגן אין די ברוט]: ד (תנור שהסיקו בכמון של תרומה ואפה בו) איין אויבן וואס מען האט גהייצט מיט כמון פון תרומה אונ מען האט אין איהם גבאקן ברויט פון חולין (הפת מותרת) איז די ברוט מותר (שאין טעם כמון אלא ריח כמון) ווארום אין די ברוט איז ניטא דר טעם פון כמון נאר דר ריח פון כמון אונ דר ריח אסרת נים: ה תלתן שנפלה לתוך הבור של יין בתרומה

ובמעשר שני. אם יש בזרע כדי ליתן טעם אבל לא בעץ. בשביעי' ובכלאי הכרם והקדש. אם יש בזרע ובעץ. כדי ליתן טעם: ו מי שהיו לו חבילי תלתן בכלאי הכרם ידלקו. היו לו חבילי תלתן של טבל. כותש ומחשב כמה זרע יש בהם מפריש את הזרע. ואינו צריך להפרי' את העץ. אם הפריש לא יאמר אכתוש ואטול את העץ. ואתן את הזרע. אלא נותן העץ עם הזרע: ז זיתי חולין שכבשן עם זיתי תרומה

פירו"ש: אבל לא בעץ. אע"פ שטעם עלו ופריו שוה אין העץ מצטרף עם הפרי לאסור יין של חולין. לפי שאין העץ קודש בתרומה. אבל שביעית וכלאים והקדש אף העץ אסור והעץ של תלתן ביין נותן טעם לשבח הוא: ו ידלקו. שאף העץ נאסר וכלאי הכרם טעונים שרפה דכתיב (דברים כב) פן תקדש המלאה. פן תוקד אש: ומחשב כמה זרע יש בהן. דתרומה נפלה במחשבה וכאומד הדעת וא"צ להפריש את העץ. ואע"פ שטעם עלו ופריו שוין: ואם הפריש קודם כתישה. אינו יכול לכתוש ולהפריש מן הזרע וישאר העץ לעצמו דכיון שקרא עליו שם תרומה צריך ליתנו לכהן: ז שכבשן עם זיתי תרומה. דוקא זיתים לכבשן במים ובמלח וכשזיתי חולין פצועין דהיינו כתושים או מרוסקים

במעשר שני) ווען עס איז אריין גפאלן תלתן פון תרומה אדר פון מעשר שני אין ווייןפון חולין (אם יש בזרע כדי ליתן טעם אבל לא בעץ) איז דר דין אזו עס איז דא אין די קערנר פון די תלתן אזו פיל זיי זאלן קענן אריין געבן אטעם אין די ווין. איז די וויין אסור צו אישראל. חאטשי דיא צווייגן פון די תלתן האבן אויך דעם זעלביגן טעם ווס די קערנר. אונ זיי גיבן אויך אריין אטעם אין די וויין. פון דעסטוועגן ווערט די וויין ניט אסור פון די צווייגן פון תלתן. ווארום תרומה אונ מעשר שני דארף מען נייאר געבן פון די קערנר אונ ניט פון די צווייגן זענן די צווייגן פון תלתן חולין (בשביעית ובכלאי הכרם ובהקדש) אבר תלתן פון שביעית אדר פון כלאי הכרם אדר פון הקדש אוב זיי זענן אריין גפאלן אין וויין ניט פון שביעית אונ ניט פון כלאים אונ ניט פון הקדש (אם יש בזרע ובעץ כדי ליתן טעם) אפילו די קערנר אליין קענן ניט געבן קיין טעם אין די וויין נאר מיט די צווייגן צוזאמן גיבן זיי אטעם אין די וויין. איז די וויין אסור. ווארום שביעית אונ כלאים אונ הקדש איז ביי די צווייגן פון תלתן אויך. ווייל זיי האבן דעם זעלביגן טעם ווס די קערנר: ו (מי שהיו לו חבילי תלתן בכלאי הכרם ידלקו) ווען איינר הט בינטלאך תלתן פון כלאי הכרם זאל ער זיי פר ברענן (היו לו חבילי תלתן של טבל) אוב ער הט בינטלאך תלתן פון טבל [ווס מען דארף געבן פון זיי תרומה] (כותש ומחשב כמה זרע יש בהם) קלאפט ער אוס די קערנר פון די תלתן אונ ער שאצט אפ ווי פיל מאס קערנר דא קען זיין [ווארום תרומה מעסט מען ניט] (מפריש את הזרע) אונ ער גיט תרומה פון די קערנר (ואינו צריך להפריש את העץ) אונ ניט פון די צווייגן (אם הפריש לא יאמר אכתוש ואטול את העץ ואתן את הזרע) אבר אז ער הט ניט אוס גקלאפט די קערנר נאר ער הט אפ גשייט תרומה פון די תלתן ווען די קערנר זענן נאך גוועזן אין די צווייגן. טאר ער ניט זאגן איך וועל איצט ארוס נעמן די קערנר אונ וועל זיי געבן דעם כהן אונ די צווייגן וועל איך מיר איבר לאזן. (אלא נותן העץ עם הזרע) נאר ער מוז געבן דעם כהן די קערנר מיט די צווייגן. ווייל ער האט זייא גרופען תרומה ווען זייא זענן גוועזן אין איינעם זענן זייא אין איינם תרומה: ז (זיתי חולין שכבשן עם זיתי תרומה) ווען איינר הט איין גלייגט זיתים פון חולין מיט זיתים פון תרומה אין איין כלי

פצועי חולין עם פצועי תרומה · פצועי חולין עם שלימי תרומה · או במי תרומה אסור . אבל שלימי חולין עם פצועי תרומה מותר : ה דג טמא שכבשו עם דג טהור · (נ"א וכל) כל גרב שהוא מחזיק סאתים אם יש בו משקל עשרה זוז ביהודה שהן חמש סלעים בגליל דג טמא . צירן אסור · רבי יהודה אומר רביעי'

פצועים בולעים מזיתי תרומה אף כשהם זיתי תרומה הם שלימים . ואף אם כבשן במים שנכבשו בהן זיתי תרומה אסור : אבל שלימי חולין . כשזיתי חולין שלימין אף אם כבשן עם זיתי [תרומה] פצועין אין בולעין מהם : ה גרב. חבית : כל גרב שהוא מחזיק סאתים . אם נכבש דג טמא עם הרבה דגים טהורים בתוך חבית והחבית מחזק

ויש מציר דג טמא משקל עשר זוזים של יהודה . שהם חמש סלעים של גליל וכל השאר ציר דג טהור שנמצא ציר של דג טמא אחד מתשע מאות וששים של דג טהור אסור . ואם היה הציר של דג טמא פחות מכן מותר : ר' יהודה אומר רביעית לסאתים. כשיהיה רביעית לוג של ציר טמא בתוך סאתים של טהור אסור הכל

בסאתים

---

מיט וואסר אונ מיט זאלץ . זיי זאלן ליגן ביז דיא זאלץ וואסר וועט ארייין געבן אטעם אין די זיתים וועלן די זיתים גוט זיין צום עסין (פצועי חולין עם פצועי תרומה) סאיי די זיתים פון חולין זענן געווען צו שפאלטן אונ דיא זיתים פון תרומה זענן אויך געווען צו שפאלטין (פצועי חולין עם שלימי תרומה) אונ סיי די חולין אליין זענן געווען צו שפאלטן אונ די תרומה זענן גאנץ. (או במי תרומה אסור) אדר ער הט גלייגט זיתים פון חולין אין די זאלץ וואסר וואס אין זיי איז געלעגן זיתים פון תרומה אונ מען הט די זיתים פון תרומה ארויס גנומן איידר מען הט אריין גלייגט די חולין . זענן אלץ די זיתים חולין אסור . ווארום ווייל די חולין זענן צו שפאלטן דורך די שארפקייט פון די זאלץ וואסר ציהן זיי אין זיך אריין אטעם פון דיא זיתים פון תרומה (אבל שלימי חולין עם פצועי תרומה מותר) אבער אז דיא זיתים פון חולין זענן גאנץ אפילו די זיתים פון תרומה זענן צו שפאלטין . איז מותר . ווארום אז זיי זענן גאנץ ציהן זייא ניט אריין אין זיך דעם טעם פון דיא תרומה: ה (דג טמא שכבשו עם דג טהור) ווען איינר הט איין גפרעסט פיש וואס זענן טמא מיט פיש וואס זענן טהור איז דאך דער איסור נאר פון דיא ציר (דיא זאפט דאס איז דיא בלוט וואס גייט ארויס פון דיא פיש אז זייא ליגין אין זאלץ) פון דג טמא מיט דג טהור וואס זענען צו מישט . ווארום דעם דג טמא דער קענט מען אונ מען קען איהם ארויס נעמן . (כל גרב שהוא מחזיק סאתים) איז דער דין אויב ער הט איין גיפרעסט דיא פיש אין איין פאס וואס די פאס האלט צוויי סאה . אונ דר ציר פון די דגים טהורים זענן מער פון די דגים טמאים (אם יש בו משקל עשרה זוז ביהודה שהן חמש סלעים בגליל דג טמא) דהיינו אויב מען זאל אפ וועגן דעם ציר (די זאפט) וואס איז ארויס גגאנגן פון די דגים טמאים ווען זייא ווען צעהן גילדן איף דיא גילדינס פון [דר מדינה] פון יהודה וואס דאס איז פינף טאלער אין [דר מדינה] גליל . אונ די איבעריגע ציר וואס איז דא אין דר פאס איז פון די דגים טהורים . אז מען זאל דאס ובערעכנן איז דר ציר פון דעם דג טהור מעהר ווי דר ציר פון דג טמא מיט ניין הונדערט אונ זעכציג מאל אזו פיהל (צירן אסור) איז דער ציר אסור . (דער חשבון שטייט אין תי"ט) . אבער אז דער ציר פון דעם דג טמא איז ווייניגער ווייא דיא וואג פון צעהן גילדין פון יהודה איז מותר. רבי יהודה זאגט (רביעית בסאתים) אוב עס איז דא איין

במאתים ורבי יוסי אומר אחד משׁשה עשר בו: ט חגבים טמאים שנכבשו עם חגבים טהורים לא פסלו את צירם. העיד רבי צדוק על ציר חגבים טמאים שהוא טהור: י כל הנכבשים זה עם זה מותרים. אלא עם החסית. חסית של חולין עם חסית של תרומה · ירק של חולין עם חסית של תרומה אסור. אבל חסית של חולין עם ירק של תרומה מותר: יא רבי יוסי אומר כל השלקים עם התרדים אסורים.

מפ: י

הכל. פחות מכן מותר. ושיעור זה הוא קרוב למאתים. ואע"ג דר"י סבר מין במינו לא בטיל שאני ציר דזיעה בעלמא הוא ואין איסורו אלא מדרבנן לכך א"ר יהודה דבטל בקרוב למאתים: ור' יוסי אומר. דבטל בי"ו והלכתא דציר בטיל ביותר מאלף אם יש יותר מאלף מדג טהור ואחד מדג טמא הכל מותר. ואם לאו הכל אסור: ט לא פסלו את צירן. דהקילו בציר של חגבים טמאים שאינו אוסר מפני שאין להם דם ואינו אלא לחלוחית בעלמא: שהוא טהור. לא מבעי' דאינו אוסר את תערובתו אלא הוא עצמו טהור. והלכה כעדותו של רבי צדוק: י כל הנכבשים זה עם זה. ירקות חולין שנכבשו עם ירקות של תרומה אין התרומה אוסרת את החולין: חוץ מן החסיות. שום ולוף ובצל וכרתי קרויים חסית דאגב חורפייהו יהבי טעמא בכל מידי דנכבשין עמהן. וכשהן של תרומ' אוסרים בין ירק בין חסית של חולין ואבל ירקות של תרומה אינן אוסרים כשהן נכבשים. אבל מבושלים או נשלקים אוסרים: יא ר"י אומר כל

הנשלקים

רביעית [אקוואטירטיל] ציר פון דג טמא אין צוויי סאה ציר פון דג טהור איז אסור אין גאנצן אבער אז עס איז ווייניגער וויא אקוואטירטיל אין צוויי סאה איז מותר. רבי יוסי זאגט אחד משׁשה עשר בו) אוב דער ציר פון דג טמא איז א זעכצענטל תלק פון דעם ציר פון דעם דג טהור איז מותר אין גאנצן: ט (חגבים טמאים שנכבשו עם חגבים טהורים לא פסלו את צירם) הייׁשעריקן טמאים וואס זענען איין גפרעסט געוואָרן מיט הייׁשעריקן טהורים. איז דער ציר זייערער ניט אסור ווייל עס איז אין דעם ציר ניטא קיין בלוט נאר אפייכטיקייט. (העיד רבי צדוק על ציר חגבים טמאים שהוא טהור) האט רבי צדוק עדות געזאגט אז דער ציר פון הייׁשעריקן טמאים זענען טהור אפילו זיי זענען ניט צומישט געוואָרן מיט ציר פון הייׁשעריקן טהורים: י (כל הנכבשים זה עם זה מותרים) אלע ירקות חולין וואס זענען איין געלייגט געוואָרן מיט ירקות תרומה זענען מותר צו הישראל (אלא עם החסית) נאר חסית דאס איז קנאבל לוף ציבעלע כרתי) ווייל זיי זענען שארף גיבן זיי הטעם אין יעדר זאך וואס עס ווערט איין געלייגט מיט זיי. (חסית של חולין עם חסית של תרומה) אוב חסית פון חולין איז איין געלייגט געוואָרן מיט חסית פון תרומה (ירק של חולין עם חסית של תרומה אסור) אדער ירק פון חולין איז איין געלייגט געוואָרן מיט חסית פון תרומה איז אסור. ווארום דיא חסית פון תרומה גיבן הטעם אין די חסית אדער אין די ירק פון חולין. (אבל חסית של חולין עם ירק של תרומה מותר) אבער אז מען האט איין געלייגט חסית פון חולין מיט ירק פון תרומה איז מותר. ווארום די ירק פון תרומה גיט ניט קיין טעם אין די חסית פון חולין נאר דיא חסית פון חולין גיט הטעם אין די ירק פון תרומה. (אבער אז מען האט געקאכט ירק פון תרומה מיט ירק פון חולין איז אסור. ווארום דורך דעם קאכן גיט די תרומה הטעם אין דיא חולין): יא רבי יוסי זאגט (כל הנשלקים עם התרדים אסורים. מפני שהם נותנים את הטעם)



אלין

השלקים עם התרדים אסורים . רבי יוסי פליג אתנא קמא וסבר דכל שאר ירקות אינן אוסרים אפילו נשלקים חוץ מן התרדים של איסור כגון של תרומה ושל כלאי הכרם שהן נותנים טעם בשליקתן: כרוב של שקיא . הגדל בארץ יבשה שצריך להשקותה אם [שלקו] עם כרוב של תרומה הגדל בארץ לחה. שאין צריך להשקותה אסור . דשל שקיא מחמת יבשותו הוא בולע : ר"ע אומר. כל איסור והיתר המתבשלים זה עם זה והם מין אחד מותרים שאין נותנים טעם זה בזה חוץ מבשר איסור והיתר שנתבשלו יחד דאסור. ולית הלכתא כהך מסקנא דתנאי · אלא כתנא קמא בלבד .

מפני שהם נותנין את הטעם . רבי שמעון אומר כרוב של שקיא עם כרוב של בעל אסור · מפני שהוא בולע · ר' (ס"א ר"ע) יהודה אומר כל המתבשלין זה עם זה מותרים · אלא עם הבשר · ר' יוחנן בן נורי אומר הכבד אוסרת ואינה נאסרת · מפני שהיא פולטת ואינה בולעת : **יב** ביצה (ס"א שנתבלה) שנתבשלה בתבלין אסורין · אפילו

חלמון

דאמר כל הנכבשים מותרים חוץ מן החסיות . אבל מבושלים או שלוקים כולן אסורים : הכבד אוסרת · כבד של טרפה שבשלה עם היתר אוסרת כל המתבשל עמה : ואינה נאסרת · אם נתבשלה עם דבר איסור . דמתוך שהיא טרודה לפלוט תדיר רבוי דם שבה לא בלעה והלכתא כבד שנתבשלה אפילו היא של היתר אסור לאוכלה . ואוסרת כל מה שנתבשל עמה לפי שהיא מלאה דם . ופולטת וחוזרת ובולעת מהדם שפלטה . ואין לה תקנה בבשול . אלא א"כ השהבה באור תחלה יפה . וכן נהגו העם : **יב** בתבלים אסורים.

כגון

---

אלץ וואס עס ווערט גיקאכט מיט תרדים פון תרומה אדר פון איסור . איז אסור . ווייל זייא גיבן הטעם אין דעם וואס עס ווערט גקאכט מיט זיי . אבר אנדרע ירקות פון תרומה אדער פון איסור אז זיי זענן גקאכט געווארן מיט ירקות פון חולין זענן די חולין ניט אסור ווארום אפילו דורך קאכן גיט אויך ניט קיין טעם איין ירק אין די אנדרע . אונ רבי יוסי קריגט אויף דעם תנא פון יענער משנה וואס ער זאגט אז דורך קאכן גיבן אלי ירקות הטעם איינע אין אנדערן . אונ רבי יוסי זאגט נאר תרדין גיט אריין איין טעם אבר ניט קיין אנדרע ירק . רבי שמעון זאגט (כרוב של שקיא עם כרוב של בעל אסור מפני שהוא בולע) כרוב וואס וואקסט אין אטרוקנע ערד וואס מען דארף איר אן טרינקן אוב זי איז פון חולין טאר מען איר ניט קאכן מיט כרוב פון תרומה וואס וואקסט אין אפייכטע ערד . ווארום ווייל די כרוב פון חולין איז טרוקן זאפט זי איין פון די כרוב פון תרומה . רבי עקיבא זאגט (כל המתבשלין זה עם זה מותרים . אלא עם הבשר) אז איין איסור מיט איין היתר פון איין מין זענן גקאכט געווארן צו זאמן . איז מותר . ווייל דר היתר איז פון דעם זעלביגן מין פון דעם איסור נעמט ניט דר היתר קיין טעם פון איסור . נאר פלייש פון איסור מיט היתר אז מען האט גקאכט צו זאמן איז אסור . ווארום פלייש ווייל עס איז פעט ווערט צו קאכט דר איסור מיט דעם היתר אין איינעם . רבי יוחנן בן נורי זאגט (הכבד אוסרת ואינה נאסרת) לעבר וואס איז טרפה אוב זי איז גקאכט געווארן מיט היתר . ווערט דר היתר אסור פון די טרפה לעבר אבר לעבר פון היתר וואס איז גקאכט געווארן מיט איין איסור . ווערט די לעבר ניט אסור (מפני שהוא פולטת ואינה בולעת) ווייל פון די לעבר גייט ארויס בלוט קען זי ניט איין זאפן דעם טעם פון איסור : יב (ביצה שנתבשלה בתבלין אסורין) איין איי וואס איז גקאכט געווארן מיט בשמים וואס זענן אסור . דהיינו די בשמים איז פון תרומה אודר פון ערלה אודר



פון

חלמון שלה אסור. מפני שהוא בולע. מי שלקות ומי כבשים של תרומה. אסורים לזרים:

פרק יא אין נותנים דבילה וגרוגרת לתוך המוריים. מפני שהוא מאבדן. אבל נותנין את היין למוריים. ואין מפטמין את השמן אבל עושין את היין יינומלים. אין מבשלים יין של תרומה מפני שהוא ממעיטו. רבי יהודה מתיר. מפני שהוא משביחו:

ב דבש תמרים. ויין תפוחים. וחומץ סתוניות. ושאר כל מי פירו' של

כגון תבלין של תרומה או של ערלה וכלאי הכרם: אפילו חלמון. האוכל של ביצה שהוא מבפנים. וכל שכן החלבון שהוא מבחוץ: מי כבשים ומי שלקות. שכבשו או שלקו בהן תרומה אסורים לזרים:

פר' יא אין נותנין דבילה וגרוגרת. של תרומה: לתוך המוריים. שומן של דגים: מפני שהוא מאבדן. שהן דרך דבילה וגרוגר' הנתוני' במוריים לסחטן ולהוצי' את מימיהן ואחר כך משליכן: אבל נותנים את היין למוריים. רגילים היו לתת יין למוריים שלא היו בו שמנונית כל כך כדי למתקן ולתת בו טעם. הלכך מותר ליתן יין של תרומה לתוכו. ולא אמרינן לעבודי אוכלא בלבד הוא מוסן את היין והוי כמאבדו: אין מפטמין את השמן. של תרומה בעיקרי בשמים שבולעים את השמן ואזיל לאבוד. אי נמי דלא חזי השמן לאכילה כשהוא מפוטם: יינומלים. נותנים לתוך היין דבש ופלפלין: ממעיטו. שמתחסר ומתמעט על ידי הבשול. ואית דמפרשי שממעיטו משותיו. שאין בני אדם רגילין לשתות יין מבושל כמו חי: מפני שהוא משביחו. ומתקיים יותר. ואין הלכה כר"י:

ב סתוניות. ענבים שאינם מתבשלים עד ימות הגשמים ורגילים לעשות מהן חומץ: ושאר כל

---

פון כִּלְאֵי הַכֶּרֶם (אֲפִילוּ חֶלְמוֹן שֶׁלָּה אָסוּר . מִפְּנֵי שֶׁהוּא בּוֹלֵעַ) אִיז אֲפִילוּ דִי גֶעלְכִיל אוֹיךְ אָסוּר. אוּנ דִיא וַוייסֶל אִיז גֶעווִיס אָסוּר . וַוייל דִי אַיי זָאפְּט אַיין דֶעם טַעַם פוּן דִיא בְּשָׂמִים (מֵי שְׁלָקוֹת וּמֵי כְּבָשִׁים שֶׁל תְּרוּמָה . אֲסוּרִים לְזָרִים) דִי וַואסֶר וָוס אִין זֵיי אִיז אַיין גְלֵייגְט גְוָוארֶן אוֹדֶר גֶקָאכְט גְוָוארֶן יְרָקוֹת פוּן תְּרוּמָה זֶענֶען אָסוּר צוּ אַ יִשְׂרָאֵל :

פרק יא (אֵין נוֹתְנִין דְּבֵילָה וּגְרוֹגֶרֶת לְתוֹךְ הַמּוּרִיִּים . מִפְּנֵי שֶׁהוּא מְאַבְּדָן) מֶען טָאר נִיט גֶעבְּן גְפְּרֶעסְטֶע פֵייגְן אוֹדֶר גְטְרִיקֶענְטֶע פֵייגְן פוּן תְּרוּמָה אִין מוּרִיִּים [דָס אִיז אַיין עֶסְן וָוס מֶען מַאכְט פוּן דִי פֶעטְס פוּן פִישׁ) וַוייל עֶר מַאכְט צוּ שָׁאדְן דִי פֵייגְן . וָוארוּם אִין דִי מוּרִיִּים קְוועטְשְׁט מֶען נָאר אַרַיין דִי זַאפְט אוּנ דִי פֵייגְן וַוארְפְט מֶען אַוֶועק. אוּנ מֶען טָאר נִיט אַוֶועק וַוארְפְן קֵיין תְּרוּמָה (אֲבָל נוֹתְנִין אֶת הַיַּיִן לַמּוּרִיִּים) אָבֶּר וַויין פוּן תְּרוּמָה מֶעג מֶען אַרַיין גִיסְן אִין דִי מוּרִיִּים (וְאֵין מְפַטְּמִין אֶת הַשֶּׁמֶן) מֶען טָאר נִיט צוּ מִישְׁן אַייל פוּן תְּרוּמָה מִיט בְּשָׂמִים . וָוארוּם דוּרְךְ דִיא בְּשָׂמִים וֶועט מֶען נִיט קֶענֶן דִי אַייל עֶסְן . וֶוערְט דָאךְ דִי אַייל צוּ שָׁאדְן וֶוערְן (אֲבָל עוֹשִׂין אֶת הַיַּיִן יֵינוּמְלִים) אָבֶּר מֶען מֶעג מַאכְן וַויי יֵינוּמְלִין [דָאס אִיז מֶען גִיסְט אַרַיין אִין וַויין הָאנִיג מִיט פֶּעפֶּער . אוּנ דָאס אִיז גוּט צוּם טְרִינְקְן] (אֵין מְבַשְּׁלִים יַיִן שֶׁל תְּרוּמָה מִפְּנֵי שֶׁהוּא מְמַעֲיטוֹ) מֶען טָאר נִיט קָאכְן וַויין פוּן תְּרוּמָה וַוייל דִי וַויין וֶוערְט וֶוינִיגֶער דוּרְךְ דֶעם קָאכְן . רַבִּי יְהוּדָה (מַתִּיר מִפְּנֵי שֶׁהוּא מַשְׁבִּיחוֹ) זָאגְט מֶען מֶעג קָאכְן וָוארוּם דוּרְךְ דֶעם קָאכְן וֶוערְט דִי וַויין בֶּעסֶר . אוּנ עֶס קֶען לַאנְג שְׁטֵיין אוּנ נִיט ווֶיעֶר וֶוערְן : ב (דְּבַשׁ תְּמָרִים) הָאנִיג פוּן טֵייטְלֶען (יֵין תַּפּוּחִים) אוּנ עֶפִּיל וַויין (וְחוֹמֶץ סְתְוָנִיּוֹת) אוּנ עֶסִיג פוּן וֵוינְטֶער וַויינְטְרוֹיבְּן [דָאס אִיז וַויינְטְרוֹיבְּן וָואס זֵיי וֶוערְן נִיט צֵייטִיג בִּיז וִוינְטֶער וּשְׁאָר



כל

**כל מי פירות**. חוץ מיין ושמן: **מחייב קרן וחומש**. לזר שאוכלן בשוגג דחשיב להו משקה תרומה ממש: **ורבי יהושע פוטר מחומש**. אבל קרן חייב. ולכתחלה אסורים לזרים: **מטמא משום משקה**. עושים ומטמאים ומכשירים זרעים לקבל טומאה כשאר משקים דכתיב (ויקרא יא) אשר יבא עליו מים יטמא וכל משקה אשר ישתה: **כמוני פטמין**. כפטם הזה שמוגה לזרות בשמים בלו פלא בדקדוק וחוזר ומוסיף עליהם אבל חכמים בדקדוק מנו שבעה משקים שאלו בלבד עושים ומטמאים ומכשירים הזרעים לקבל טומאה ואין להוסיף עליהם. ושבעה משקין שמנו חכמים הם מים על יין שמן דם דבורים. חלב. דם. והלכה כרבי יהושע:

של תרומה • רבי אליעזר מחייב קרן וחומש • ורבי יהושע פוטר • ורבי אליעזר מטמא משום משקה • אמר ר' יהושע לא מנו חכמים שבעה משקים כמוני פטמים אלא אמרו שבעה משקין טמאים. ושאר כל המשקין טהורין: **ג** אין עושין תמרים דבש. ולא הפוחים יין. ולא סתוניות חומץ • ושאר כל הפירות אין משנין אותם מברייתן • בתרומה ובמעשר שני • אלא זיתים וענבים בלבד. אין סופגין הארבעים משום

הערלה

**ג אין עושין תמרי' דבש**. אם הם של תרומה. או של מעשר שני. שהתמרים אוכל והדבש משקה ואין מחזירים האוכל משקה: **אלא בזיתי' וענבי' בלבד**. דבפירות אמרה תורה בהם (במדבר יח) כל חלב יצהר וכל חלב תירוש: **אין סופגים את הארבעים משום**

ערלה

---

**ב**ל מי פירות של תרומה) אונ זאפט פון אנדרי פירות פון תרומה [אויסער וויין אונ אייל] (רבי אליעזר מחייב קרן וחומש) זאגט רבי אליעזר אז איין ישראל האט דאס געגעסן בשוגג איז ער חייב צו בצאלן צום כהן דעם קרן אונ דעם חומש [אפינפטיל מער ווי דס איז ווערט]. ווארום דאס איז המשקה (רבי יהושע פוטר) אונ רבי יהושע זאגט ער איז נאר חייב צו בצאלן דעם קרן אונ ניט דעם חומש. ווארום דאס איז ניט קיין משקה. אונ אז מען עסט אזו איין זאך וואס דס איז ניט קיין עסין אודר ניט קיין משקה דארף מען ניט געבן קיין חומש (ורבי אליעזר מטמא משום משקה) אונ רבי אליעזר זאגט אז דאס איז א משקה צו אלי זאכן. דס ווערט טמא. אונ איז מטמא איין אנדר זאך. אונ אויב פון די משקה גיסט זיך ארויף אויף זרעים קענן שון די זרעים טמא ווערן אויב עס וועט זיך אן רירן הטומאה אן זיי. אונ רבי יהושע האט גזאגט (לא מנו חכמים שבעה משקים כמוני פטמים) די חכמים האבן ניט גציילט זיבן מינים משקים ווי איינר ציילט זבינערלייא געווירצן. וואס ער ציילט ניט ריכטיג. נאר ער לייגט צו נאך אונ נאך (אלא אמרו שבעה משקין טמאים ושאר כל המשקין טהורין) נאר אז די חכמים האבן גציילט זבין מינים משקים האבן זיי גמיינט נאר די מינים וואס זייא האבן גציילט אונ ניט מער. ודי זיבן משקים זענן וואסר. טאה. וויין. אייל. האניג פון בינען. מילך. בלוט:

**ג** (אין עושין תמרים דבש) מען טאר ניט מאכן פון טייטלן האניג (ולא תפוחים יין) אונ ניט פון עפיל וויין. (ולא סתוניות חומץ) אונ ניט פון ווינטר ווייטרובן עסיג (ושאר כל הפירות אין משנין אותם מברייתן) אונ אלע מינים פירות טאר מען ניט הענדרן פון וויא זייא זענן בשאפן וואקן [מען טאר ניט מאכן פון קיין עסן א משקה] (בתרומה ובמעשר שני) ביי תרומה אונ ביי מעשר שני (אלא זתים וענבים בלבד) נאר איילבערן אונ ווייטרובן מעג מען הענדרן אונ מאכן פון זייא אייל אונ וויין (אין סופגין את הארבעים ערלה) ווען איינר האט אים גקוועטשט פירות פון ערלה אונ האט גטרונקן דעם זאפט אונ די פירות האט ער ניט געגעסן. קומט אים

ניט

הערלה · אלא על היוצא מן הזיתים ומן הענבים. ואין מביאין בכורים משקין. אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבים. ואינו מטמא משום משקה אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבים · ואין מקריבין ע"ג המזבח · אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבים : ד עוקצי תאנים וגרוגרות (ס"א הכליסין) והכליסים והחרובין של תרומה אסורים לזרים : ה גרעיני תרומה בזמן שהוא מכנסן אסורות · ואם השליכן מותרות · וכן עצמות הקדשים. בזמן שהוא מכנסן אסורין · ואם

ערלה. פירות של ערלה שסחטן והוציא מהן משקה אין לוקה מן התורה השותה אותו משקה אלא בזיתים וענבים בלבד : ואין מביאים בכורים משקין · דכתיב (דברים כו) את ראשית פרי האדמה. פרי אתה מביא ואי אתה מביא משקה : אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבי'. דגמר בכורי' מתרומה : ואין מקריבים על גבי המזבח. אלא כמו למנחות ויין לנסכים : ד עוקצי תאנים. שבהם התאנים מחוברי' לאילן : הכליסין. הרמב"ם פירש שהם מין ממיני התאנים :

ה גרעיני תרומה. גרעינים שנשארו בתוך פירות של תרומה כשהכהן אוכלם : בזמן שהכהן מכניסן. ודעתו עליהם ולא הפקירן אסורים וכגון שיש בהן רכין וראוין לאכילה כגון גרעיני התפוחים והחבושין והאגסים. או שנשאר בהם לחלוחית שבנ"א מוצצים אותן. כגון גרעיני התמרים וכיוצא בהם. אבל אינם ראויים כלל אפילו הכהן מכניסן הרי אלו מותרים : עצמות הקדשים. בשלמות הראויין קצת לאכילה מיירי כגון ראשי כנפים וסחוסין:

ניט קיין מלקות (אלא על היוצא מן הזיתים ומן הענבים) נאר אייל בערן און ווייןטרויבן פון ערלה צו ער האט אוס געקוועטשט און געטרונקען דיא אייל אודר דיא וויין איז ער חייב מלקות (ואין מביאין בכורים משקין) און מען טאר ניט אוס קוועטשן פירות פון בכורים און ברייגען דעם זאפט צום כהן פאר בכורים (אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבים) נאר איילבערן און ווייןטרויבן פון בכורים מעג מען אויס קוועטשן און ברייגען דיא אייל אודר די וויין (ואינו מטמא משום משקה אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבים) און די זאפט פון אלי פירות ווערן ניט טמא אזו וויא משקה . ווייל זיי זענען ניט קיין משקה . נאר אייל און וויין ווערן טמא ווייל זיי זענען המשקה (ואין מקריבין על גבי המזבח) און מען טאר ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח (אלא היוצא מן הזיתים ומן הענבים) נאר וואס עס גייט ארוס פון די איילבערן · אייל · און וואס עס גייט ארוס פון די ווייןטרויבן · וויין : ד (עוקצי תאנים) די קליינע ריטלאך וואס שטעקן אין דיא פייגן . (וגרוגרות) און אין די געטריקענטע פייגן (והכליסין) און אין די כליסים [דאס איז אויך איין מין פייגן] (והחרובין של תרומה אסורים לזרים) און אין באקסערן פון תרומה . די אלי זאכן טאר אישראל ניט עסן : ה (גרעיני תרומה) די קערנר פון דיא פירות פון תרומה וואס דר כהן עסט (בזמן שהוא מכנסן אסורות) אוב דער כהן זאמלט זייא און איז ניט מפקיר . זענען זיי אסור צו אישראל (ואם השליכן מותרות) און אוב דער כהן האט זיי אוועק געווארפן זענען זיי מותר צו אישראל . דאס איז נאר ביי אזעלכי קערנער וואס טויגן צום עסין אודר עס איז נאך דא אויף זייא פון דער פרי . דא איז דער דין אוב דער כהן זאמלט זיי זענען זיי אסור צו אישראל . אבר אזעלכי קערנר וואס טויגן גאר ניט צום עסין אפילו דר כהן זאמלט זיי פון דעסט וועגן זענען זייא מותר צו אישראל (וכן עצמות הקדשים) און אזו איז דער דין ביי די ביינער פון קדשים [וואס מען קען נאך פון זיי עסין] (בזמן שהוא

ואם השליכן מותרין. המורסן מותר: סובין של חדשות אסורות. ושל ישנות מותרות. ונוהג בתרומה כדרך שהוא נוהג בחולין. המסלת קב או קבין לסאה. לא יאבד את השאר. אלא יניחנו במקום המוצנע: ו מגורה שפנה ממנה חטי תרומה. אין מחייבין אותו להיות יושב ומלקט אחת אחת. אלא מכבד כדרכו ונותן לתוכה חולין: ז וכן הבית של שמן

שנשפכה

ושמחסין: המורסן. של תרומה והן סובין הגסין מותר לזרים: סובין. של חטין חדשות של תרומה אסורים לזרים. לפי שהחדשות הן לחות ואינם נטחנים היטב. ונשאר קמח הרבה מעורב בסובין: ושל ישנות. של חטין ישנות. שהן יבשות ונטחנו' היטב מותרות. שאין קמח מעורב בהן כלל. ועד ל' יום נקראים חדשות: ונוהג בתרומה. בהוצאת הסובין והמורסן כדרך שנוהג בחולין ואין כאן משום מאבד תרומה כשמשליך מה שאינו ראוי לאכילה: המסלת. שקולט את הסולת כדי לעשות פת נקיה ביותר ולא בירר מסאה אחת שהיא ששה קבין אלא קב או קבים: לא ישליך את השאר. שהרי הוא ראוי לאכילה. ונמצא מאבד את התרומה: ו מגורה. אוצר שאוצרים תבואה לתוכו: מכבד כדרכו. כדרך שרגילים לכבד האוצרות בעת שמפנים אותן:

מטפח

---

סובין אסורין) אוב דר כהן זאמלט זיי בשעת ער עסט די פלייש ער איז זיי ניט מפקיר זענן זיי אסור צו א ישראל. (ואם השליכן מותרין) אונ אוב ער ווארפט זיי אוועק זענן זיי מותר צום ישראל. אבר אזעלכי ביינר וואס מען קען גאר ניט עסין פון זיי אפילו דר כהן זאמלט זיי זענן זיי אויך מותר צו א ישראל. (המורסן מותר) גראבע קלייען פון תרומה זענן מותר צו א ישראל. (סובין של חדשות אסורות) דינע קלייען אוב זיי זענן פון נייע תבואה וואס זענן נאך פייכט קענן זיי זיך ניט גוט צו מאלן איז אריין גמישט מעהל אין די קלייען. זענן די קלייען אסור צו א ישראל. (ושל ישנות מותרות) אונ פון אלטע תבואה (דס איז נאך דרייסיג טעג ווי מען האט זיי אפ געשניטן) וואס די תבואה זענן טרוקן צו מאלן זיי זיך גוט אונ עס איז גיט אריין גמישט קיין מעהל אין די קלייען. זענן די קלייען מותר צו א ישראל. (ונוהג בתרומה כדרך שהוא נוהג בחולין) מען מעג ביי תרומה בשעת מען מאלט זיי אזו טאן וויא מען טוט ביי חולין. מען מעג ארוס נעמן די גראבי קלייען אונ די דינע קלייען אונ אוועק ווארפן וואס עס טוג ניט. אונ זאל ניט מורא האבן טאמר מאכט ער צו שאדן תרומה. (המסלת קב או קבין לסאה) ווען איינר מאכט פיינע מעהל. אונ נעמט נאר ארוס איין קב אדר צוויי קבים פון א סאה (וואס זי איז זעקס קבין) אונ די איבריגע דארף ער נישט (לא יאבד את השאר) זאל ער ניט אוועק ווארפן די איבריגע ווארום זיי זענן נאך גוט צים עסין (מאכט ער דאך צו שאדן תרומה). (אלא יניחנו במקום המוצנע) נאר ער זאל זיי אוועק לייגן אין איין בהאלטענם ארט. ביז ער וועט זיי דארפן אדר ער וועט זיי געבן צו איין אנדר כהן וואס ער וועט די מעהל עסין: ו (מגורה שפנה ממנה חטי תרומה) איין שייער וואס מען האט פון איהם ארוס גנומן ווייץ פון תרומה. אונ ער וויל איצט אין איהם אריין לייגן חולין. (אין מחייבין אותו להיות יושב ומלקט אחת אחת) איז ער נים מחויב צו קלויבן די ווייץ איינצע ווייס. ער זאל זעהן עס זאל איין ווייץ ניט בלייבן (אלא מכבד כדרכו ונותן לתוכו חולין) נאר ער קערט אויס דעם שייער וויא דר שטייגער איז אוס צו קערן א שייער בשעת מען נעמט ארוס די תבואה אריין צו לייגן אנדרע אונ ער מעג אריין לייגן חולין: ז (וכן הבית של שמן



שנשפכה

שנשפכה אין מחייבין אותו להיות יושב ומטפח. אלא נוהג בה כדרך שהוא נוהג בחולין: ח המערה מכד לכד ונוטף ג' טפים. נותן לתוכה חולין. הרכינה ומיצה הרי זו תרומה. וכמה תהא בתרומת מעשר של דמאי ויוליכנה לכהן. אחד משמנה לשמינית: ט כרשיני תרומה מאכילין אותם לבהמה ולחיה ולתרנגולים

ז מטפח. מאסף את השמן בטפח שלו כלומר מקנחו באצבעותיו: ח המערה. יין או שמן של תרומה מכד לכד. ואחר שעירה כל מה שבתוכו נטפו ממנו שלש טפין. טפה אחר טפה. כדרך כלים לאחר שעירה כל מה שבתוכן: נותן לתוכה חולין. וא"צ לקנחה יפה קודם שיתן החולין לתוכה: הרכינה. הטה אותה על צדה להוציא שהיה בה תרומה אחר שעירה כל מה שבתוכה ומיצה היין או השמן שהיה בה ונראה כנוס בתוכה הרי זו תרומה ולא אמרינן חולין הן הואיל ועירה כל מה שבתוכה ונטפו ממנו שלש טפין: בתרומת מעשר של דמאי. שהמעשר שלו. ונותן תרומת מעשר לכהן. ואם יש בידו א' משמנה שבשמינית הלוג צריך להוליכה לכהן. אבל פחות לא. הני מילי בטמא. אבל בטהור אפי' כל שהוא צריך לחזור בדמאי. אבל בודאי בין טמא בין טהור בין רב בין מעט צריך לחזור אחר כהן: ט כרשיני תרומ'. עיקרם למאכל בהמה דאי עיקרם למאכל אדם היה אסור להאכילן לבהמה. ומכל מקום חזו קצת למאכל אדם. דאי לא הוו חזו כלל לאדם. לא הוו מפרישים עליהם תרומות ומעשרות. דמידי דלא חזי לאדם אין מפרישין עליו תרומות ומעשרות: מאכילין אותן

שנשפכה) אונ אזו איז דר דין אז איין פאס אייל פון תרומה איז אום געגאסן געווארן אויף דר ערד (אין מחייבין אותו להיות יושב ומטפח) איז ער ניט מחויב צו זאמען געמען דיא אייל פון דר ערד מיט די הענט ביז עס זאל גאר ניט בלייבן אויף דר ערד. (אלא נוהג בה כדרך שהוא נוהג בחולין) נאר ער טוט מיט תרומה אזוי וויא ער וואלט געטאן מיט חולין אז עס וואלט פאר גאסען געווארן: ח (המערה מכד לכד) ווען איינער גיסט וויין אדר אייל פון תרומה פון איין קרוג אין אנדערן (ונוטף שלש טפים) אונ דער נאך ווי ער האט שון אום גגאסן אין גאנצן. זענן נאך דריי טראפינס אויך אראפ גרונען אזו וויא דר שטייגר איז ביי הכלי דר נאך ווי מען גיסט אום וואס אינוועניג איז גוועזן גייט נאך טראפינס (נותן לתוכה חולין) מעג ער געבן אין דעם קרוג חולין אונ ער דארף ניט אום ווישן די כלי זי זאל זיין טרוקן (הרכינה ומיצה הרי זו תרומה) דר נאך ווי ער האט אום גגאסן פון דעם קרוג די וויין אדר די אייל (פון תרומה) אונ עס איז שון אראפ גרונען דרייא טראפינס אויך האט ער איין גבויגן דעם קרוג אויף א זייט האט זיך נאך צו זאמען גקליבן הונטן אביסיל וויין אדר אייל. איז דס תרומה (וכמה תהא בתרומת מעשר של דמאי ויוליכנה לכהן) ווי פיל זאל זיין דיא תרומת מעשר פון דמאי וואס ער איז מחויב אוועק צו טראגן צום כהן. (אחד משמונה לשמינית) איין אכט חלק פון איין אכטיל לוג איז ער מחויב אוועק צו טראגן צום כהן. אונ אוב דיא תרומת מעשר איז ווייניגער ווי איין אכט חלק פון איין אכטיל לוג. לאזט ער דס ליגן ביי זיך ביז הכהן קומט צו איהם. אדער ביז עס וועט פארפוילט ווערן (רמב"ם): ט (כרשיני תרומה מאכילין אותם לבהמה ולחיה ולתרנגולים) כרשינים איז איין מין מאכל צו בהמה. נאר אמאהל עסט דר פון צמענטש אויך. זאגט די משנה כרשינים פון תרומה

ולתרנגולים. ישראל ששכר פרה מכהן מאכילה כרשיני תרומה. וכהן ששכר פרה מישראל אע"פ שמזונותיה עליו. לא יאכילנה כרשיני תרומה. ישראל ששם פרה מכהן לא יאכילנה כרשיני תרומה. וכהן ששם פרה מישראל מאכילה כרשיני תרומה: י מדליקין שמן שרפה בבתי כנסיות ובבתי מדרשו׳ ובמבואות

**אותן.** הכהנים לבהמתן: **מאכילה כרשיני תרומה.** הואיל וגוף הבהמה לכהן אע"פ שמזונותיה על ישראל. ואין כאן משום גזל. שאם היה רוצה היה נותן התרומה לבעל הפרה ולכן הסדי דמית׳ ליה לבעל הפרה שיתן לה כרשיני תרומה כדי שיאכילנה בריוח. והוי כאילו זכה בהן כהן. והוא מאכילן לבהמתו: **לא יאכילנה כרשיני תרומה.** כיון שגוף הפרה לישראל. דכתיב (ויקרא כב) וכהן כי יקנה נפש קנין כספו. ונפש אפי׳ נפש בהמה במשמע. ואמר רחמנא קנין כספו דכהן ליטול בתרומה. קנין כספו של ישראל לא ליטול בתרומה: **ישראל ששם פרה מכהן.** שקבל פרה מכהן בשומא. כפי מה שהיא שוה עכשיו כך וכך דמים. ויטפל בה ישראל לפטמה. ומה שיוסיף על השומא יחלקו הריוח ביניהם: **לא יאכילנה כרשיני תרומה.** שכיון שקבלה הישראל בשומא׳ כפי מה שהיא שוה. נעשית פרתו של ישראל ואינה אוכלת בתרומה: **וכהן שקבל פרתו של ישראל.** בשומא כדרך זו: **מאכילה כרשיני תרומה.** מפני שהיא נעשית פרתו של כהן מטעם שקבלה עליו בשומא: **י שמן שרפה.** שמן תרומה שנטמאת. ואמאי קרי ליה

---

מעג דר כהן געבן עסין צו זיין בהמה אונ צו זיין חיה אונ צו זיינע הינר. (ישראל ששכר פרה מכהן מאכילה כרשיני תרומה) איין ישראל וואס האט גדונגן איין קוה פון איין כהן אפילו דר ישראל דארף איר געבן עסן פון דעסטוועגן מעג ער איר געבן צו עסן כרשיני תרומה. (וכהן ששכר פרה מישראל אף על פי שמזונותיה עליו לא יאכילנה כרשיני תרומה) אונ הכהן וואס האט גדונגן אקוה ביי הישראל. אפילו דר כהן דארף איר געבן עסין פון דעסטוועגן טאר ער איר ניט געבן קיין כרשיני תרומה וואורום מען זעהט נאר צו וועמן עס גיהער דר גוף פון דר בהמה. אוב דר גוף פון דר בהמה גיהער צו הכהן מעג זי עסין תרומה אונ אוב דר גוף פון דר בהמה גיהער צו הישראל טאר זי ניט עסין קיין תרומה. (ישראל ששם פרה מכהן לא יאכילנה כרשיני תרומה) ווען הישראל האט גנומן אקוה פון הכהן ער זאל איר געבן עסין. אונ וואס זי וועט פר בעסרט ווערן פון ווי זי איז איצט ביז אאיהר זאלן זיי זיך ביידע צו טיילן. ווייל דר ישראל וועט פר דינן דורך דעם וואס מען וועט איר געבן די כרשיני תרומה ווייל די בהמה וועט פעט ווערן איז גלייך ווי דר גוף פון דר בהמה וואלט געוועזן דעם ישראלס דאריבר זאל ער איר ניט געבן עסן קיין כרשיני תרומה (וכהן ששם פרה מישראל מאכילה כרשיני תרומה) אונ אז הכהן האט גנומן הפרה פון אישראל ער זאל איר געבן עסן. אונ וואס זי וועט פר בעסרט ווערן פון ווי זי איז איצט ביז אאיהר זאלן זיי זיך ביידע צו טיילן. ווייל דר כהן וועט פר דינן דורך דעם וואס מען וועט איר געבן כרשיני תרומה ווייל די בהמה וועט פעט ווערן. איז דס גלייך ווי דר גוף פון דר בהמה וואלט געוועזן דעם כהנ׳ס. דאריבר מעג ער איר געבן עסן כרשיני תרומה: י (מדליקין שמן שרפה בבתי כנסיות ובבתי מדרשות) מען מעג אן צינדן אייל פון תרומה וואס איז טמא געווארן אין בתי כנסיות אונ אין בתי מדרשות

 ובמבואות

ובמבואות האפלין. ועל גבי החולין. ברשות כהן. בת ישראל שנשאת לכהן והיא למודה אצל אביה. אביה מדליק ברשותה. מדליקין בבית המשתה. אבל לא בבית האבל דברי רבי יהודה. ורבי יוסי אומר בבית האבל. אבל לא בבית המשתה. רבי מאיר אוסר כאן וכאן. ר' שמעון מתיר כאן וכאן:

גם שמן שרפה. הואיל ולשרפה עומד. ברשות כהן. היינו כשיש שם כהן דנר לאחד נר למאה: מדליק ברשותה. כשהיא שם: מדליקין בבית המשתה. מתוך שעומדי' בבגדים נקיי' אין רגילין לטלטל נרות של שמן ממקומן שמא יטנפו את בגדיהם. הלכך ליכא למיחש שמא יטלטלו הנר ממקום שהכהן שם למקום שאין שם כהן אבל בבית האבל שלובשים בגדים צואים חיישינן: בבית האבל אבל לא בבית המשתה. בבית האבל מתוך שלבן נשבר ונכנע לא חיישי' שמא יוליכו הנר למקום שאין שם כהן אבל בבית המשתה שהן שמחים ומתוך שמחתן רגילים להתעסק ולטלטל הנרות ממקום למקום חיישינן: אוסר כאן וכאן. דתופס חומרת שניהן להחומרא: ור"ש מתיר כאן וכאן. דתופס קולת שניהם לקולא. והלכה כר"ש:

# סליק מסכת תרומות

(ובמבואות האפלין) אונ אין די גאסן וואס זענן פינסטער (ועל גבי החולין ברשות כהן) אונ באיי איין קראנקן ווען דארטן איז דא הכהן (בת ישראל שנשאת לכהן והיא למודה אצל אביה) ווען איין ישראלס טאכטער איז גנומן געווארן צו הכהן. אונ זיא איז געוואנט צו גיין צו איר פאטער (אביה מדליק ברשותה) מעג איר פאטער אן צינדן [אייל פון תרומה וואס איז טמא געווארן] ווען זי איז ביי איהם (מדליקין בבית המשתה) מען מעג אן צינדן [אייל פון תרומה וואס איז טמא געווארן] ביי איין מאל צייט [אוב דארט איז דא הכהן] אונ מען האט ניט מורא טאמער וועט מען נעמען איין לאמפ פון דר שטוב וואס דר כהן איז אין איין אנדר שטוב וואו דארט איז ניטא קיין כהן. ווייל מען גייט אויף איין שמחה אין טייערע קליידר וועט מען ניט נעמען קיין לאמפ אין האנט טאמער וועט מען פר גיסן די קליידר (אבל לא בבית האבל דברי רבי יהודה) אבר ביי איין אבל טאר מען ניט אן צינדן [אייל פון תרומה וואס איז טמא געווארן] אפילו עס איז דא הכהן. טאמער וועט מען נעמען איין לאמפ פון דר שטוב וואס דר כהן איז אונ מען וועט אריין טראגן אין איין אנדר שטוב וואס איז ניטא קיין כהן אונ מען וועט דארט לאזן ברענן. אונ רבי יוסי זאגט (בבית האבל) אין איין בית האבל ווייל אלע זענן טרויעריג וועלן זיי גידיינקען דעם דין אז מען טאר ניט אריין טראגן דעם לאמפ אין א שטוב וואס עס איז ניטא קיין כהן דאריבער מעג מען אין איין בית האבל אן צינדן אייל פון תרומה טמאה אוב עס איז דא הכהן (אבל לא בבית המשתה) אבר אין איין בית המשתה ווייל מען איז פרייליך מחמת שמחה טראגט מען ארום ליכט פון איין ארט אויף דעם אנדרן אונ מען וועט פר געסן מען זאל זיך היטן ניט ארום צו טראגן די אייל פון תרומה טמאה אין א שטוב וואו קיין כהן איז ניטא דאריבער טאר מען ניט אן צינדן אין איין בית המשתה אייל פון תרומה טמאה. (רבי מאיר אוסר כאן וכאן) רבי מאיר זאגט אין בית המשתה אונ אין א בית האבל טאר מען ניט אן צינדן קיין תרומה טמאה (רבי שמעון מתיר כאן וכאן) רבי שמעון זאגט מען מעג אין איין בית המשתה אונ אין איין בית האבל אן צינדן אייל פון תרומה טמאה: